STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11807

ANTON TSHEKHOV

D. Zylber

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. וילבער

אנטאָן טשעכאָוו

זיין לעבן און שאַפן

פאַרלאַג „יידיש בוך" ווארשע 1954

D. ZYLBER

ANTONI CZECHOW

Jego życie i twórczość

Redaktor: M. MIRSKI

רעדאַקטאָר: מ. מירסקי

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr. zam. 1286.6.54. **Nakład** 5.500 **egz. Druk ukończono w sierpniu** 1954 **Ark. druk** 5,25. **ark. wyd.** 4,5. **Papier dzieł. żeber.** 80 **g.** 61 **x** 86 **cm. V kl.**
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, ul. Tarczyńska 8. 5-B-51422

אַנטאָן פּאַװלאָװיטש טשעכאָװ אין 1904 יאָר.

אַנטאָן טשעכאָוו און זיין אָרט אין דער רוסישער קלאַסיק

דעם 15־טן יולי 1904 איז אין דייטשישן קוראָרט באַדענווייַלער געשטאָרבן איינער פון די גרעסטע שרייבער פון דער רוסישער און וועלט־ליטעראַטור — אַנטאָן פאַוולאָוויטש טשעכאָוו.

זיינע ווערק דערשיינען אין צענדליקער מיליאָנען עקזעמפּלאַרן אין ראַטנפאַרבאַנד, אין די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליע א. א. זיין נאָמען איז וועלט־באַקאַנט און ווערט געערט דורך דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט. אויף דער סעסיע פונעם וועלט־ראַט פאַר שלום אין נאָוועמבער 1953 איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן אָפּמערקן די 50־יעריקע יאָרצייט פון טשעכאָווס טויט דורך אַלע שלום־ליבנדיקע פעלקער.

טשעכאָוו האָט אין זיין שאַפן אָנגעבונדן צו דער גרויסער ליטעראַרישער ירושה פון זיינע פאָרגייער — פּושקין, גאָגאָל, לערמאָנטאָוו, טורגעניעוו, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין. אָבער איינזאַפּנדיק די בעסטע טראַדיציעס פון דער רוסישער ליטעראַטור, האָט ער געזוכט פאַר זיין שאַפן נייע פאָרמען און נייע אויסדרוקס־מיטלען. טשעכאָוו איז דער געניאַלער שעפער פון דער קורצער דערציילונג. ער האָט דערוויזן, אַז אין דער מיניאַטור־דערציילונג איז מעגלעך אַריינצופּאַסן רייכן אידעיש־קינסטלערישן אינהאַלט. אין דעם טאַקע איז באַשטאַנען טשעכאָווס נאָוואַטאָרישקייט שוין אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן. זיין ליידנשאַפטלעכער באַגער איז געווען צו שרייבן אַזוי, ווי עס האָט געפאָדערט דער רוסישער דיכטער ניעקראַסאָוו: „עס זאָל פאַר די ווערטער זיין ענג און פאַר די געדאַנקען — רחבות־דיק“. מיט אייפער האָט ער געקריצט זיינע שוין אָנגעשריבענע ווערק. אין זיינע נאָטיצן האָבן זיך אָפּגעפונען אַזעלכע זאַצן: „קורץ־געבאַסטקייט — איז אַ שוועסטער פון טאַלאַנט“, „שיין שרייבן — הייסט שיין קירצן“, „מ׳קאָן קורץ דערציילן וועגן לאַנגע זאַכן“.

טשעכאָוו האָט דערגרייכט אַן אומגעוויינלעכע קאָנדענסירטקייט, פּלאַסטישקייט, שאַרפקייט פון פאָרם. אין די קורצע בילדלעך, געצייכנט מיט עטלעכע

ענדיל־באוועגונגען, אין זיינע דיאלאָגן און אין פארשידענע פּרטים דערפילט און ערזעט דער לייענער באהאלטענע טיפענישן פון לעבן.

די ווונדערלעכע קינסטלערישע פּשטות פון טשעכאָווס ווערק, די קלאָרקייט פון דער צייכענונג, דער סוגעסטיווער, באצויבערנדיקער הומאָר ווירקן אזוי, אז זיינע ביכער ווערן געלייענט מיט א פארכאפּטן אָטעם. גלייכצייטיק ווייזן אונדז די דאָזיקע ווערק זייער וויכטיקע, זייער מענטשלעכע פּראָבלעמען. זיי וועקן אונדזער געדאנק, צווינגען זיך צו פארטראכטן וועגן לעבן, וועגן דער פארגאנגענהייט און קעגנוואַרט. און הגם צענדליקער יאָרן זענען פארביי, זינט זיי זענען אָנגעשריבן געוואָרן, און הגם זיי זענען אומצערייסבאר פארבונדן מיט דער עפּאָכע, אין וועלכער זיי זענען אנטשטאנען, האָבן זיי אבסאָלוט נישט פארלוירן פון זייער סוגעסטיווקייט און ווירקונגס־קראפט.

טשעכאָוו איז דער דיכטער פונעם טאָגטעגלעכן לעבן פון פּראָסטע מענטשן, פון זייערע דאגות, ווייטיקן און פרייד, פון זייער דערהויבונג און ירידה. אין זיינע ווערק שלאָגט זיך דורך א וועג די ליבע צום שיינעם און גוטן, די שנאה צו דער מיאוסקייט, צו שלעכטס און רשעות. מיט דער בייטש פון סאטירע שמייסט ער אָן רחמנות די „ברוטאלע, בליענדע כוחות“: דעם צאריזם און קאפּיטאליזם. אמת, ער איז נישט קיין רעוואָלוציאָנערער שרייבער אין דעם זין, ווי זיין מיטצייטלער גאָרקי. אָבער סיי אין דער קריטיק פון קאפּיטאליזם, סיי, קודם כל, אין זיינע נאציאָנאלע און געזעלשאפטלעכע שטרעבונגען, אין די טרוימען וועגן דער צוקונפט גייט טשעכאָוו מיטן לאגער פון פּראָגרעס און איז אליין איינער פון די, וואָס מיט זייער שאפן שלאָגן זיי דורך א וועג צו גרויסע איבערגעשטאלטיקונגען.

ווו שטעקן די וואָרצלען פון טשעכאָווס קינסטלערישן כישוף? אָן ספק קודם כל דערין, וואָס ער איז א מייסטער פונעם לירישן סטיל אין דער פּראָזע, א מייסטער פון קינסטלערישן סינטעז. אָבער ער דערגרייכט נישט קיין פאראלגעמיינערונג דורך דער היפּערבאָל, דורך קינסטלערישער גוזמא, ווי גאָגאָל אָדער סאלטיקאָוו־שטשעדרין. טשעכאָוו טרייבט נישט איבער, שילדערנדיק געשעענישן און מענטשן, נאָר ער באַקומט פון זיי ארויס, מיט אומגעהייער פּשוטע מיטלען, דעם וויכטיקסטן מענטשלעכן זין. „די ריזיקע קראפט פון זיין טאלאנט, — האָט געשריבן גאָרקי, — באשטייט טאקע דערין, וואָס ער *טראכט קיינמאָל נישט אויס פון זיך אליין*, ער שילדערט נישט דאָס, וואָס עס איז נישט פאראן אויף דער וועלט“.

אפילו די בורזשואזע קריטיק האָט מיט א זויערן שמייכל מודה געווען, אז טשעכאָוו „פארמאָגט טאלאנט“, נאָר... נאָך דעם דאָזיקן „נאָר“ איז געקומען אלצדינג: גיפטיקע לויב, ווי א שטאָך פון א מוק, בייסיקע קריטיק, ביטול־ווערטלעך, אפילו באליידיקונגען. טשעכאָוו האָט אָבער נישט געלייגט קיין אכט אויף די בורזשואזע „קליינע מענטשעלעך“, אפילו ווען זיי האָבן זיך געקליידעט אין

פּראָפּעסאָרישע מלבושים, און ער האָט געשריבן אַזוי, ווי ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר ריכטיק.

דערפאַר אָבער האָבן טשעכאָוון גוט אָפּגעשאַצט זיינע גרויסע פריינד און גרויסע מיטצייטלער: גאָרקי, טאָלסטאָי, קאָראָלענקאָ. טאָלסטאָי האָט געשריבן וועגן טשעכאָוון: „אַן אומפאַרגלייכלעכער קינסטלער". „דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס ער איז שטענדיק געווען אויפריכטיק. און דאָס איז אַ גרויסע מעלה ביי אַ שרייבער. זיין שפּראַך איז וווּנדערלעך".

די סאָוויעטישע קריטיקער האָבן דורכגעפירט אַ טיפן אַנאַליז פון טשעכאָווס ווערק, זיי האָבן אויפגעקלערט אַ סך מיספאַרשטענדענישן און לעגענדעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַרום טשעכאָוון אַלס מענטש און שרייבער. די סאָוויעטישע ליטעראַטור-וויסנשאַפט האָט אָנגעוויזן אויפן אָרט, וועלכן דער קינסטלער פאַרנעמט אין דער רוסישער קלאַסיק און אין דער וועלט-ליטעראַטור. די סאָוויעטישע קריטיק האָט פעסטגעשטעלט, אַז זיינע ווערק זענען פאַרבונדן מיט די גרויסע פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון דער רוסישער ליטעראַטור, מיט די טראַדיציעס פון קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און פּראָגרעס.

קינדהייט און יוגנט־יאָרן

אנטאָן פּאוולאָוויטש טשעכאָוו איז געבוירן געוואָרן דעם 17־טן יאנואר 1860 אין טאגאנראָג, א קליינער פּאָרט־שטאָט ביים ברעג פון אזאָווישן ים. זיין פאָטער איז געווען א קליינער סוחר. די קינדער־יאָרן פונעם קומענדיקן שרייבער זענען געווען פונקט דער היפוך פון דער „גליקלעכער קינדהייט“, וועלכע די שרייבער און דיכטער באזינגען אזוי אין זייערע ווערק. אנטאָנס פאָטער, פּאוועל, האָט אין לעבן געהאט אויסצושטיין א סך שוועריקייטן, זיין לעבנס־וועג איז לגמרי ניט געווען באצירט מיט רויזן. א זון פון א פּאנשטשיזנע־פּויער, וועלכער האָט זיך מיט גרויס מאַטעריעל אויסגעקויפט פון דער לייבאייגנטום־קנעכטשאַפט, האָט פּאוועל יעגאָראָוויטש טשעכאָוו דורכגעמאכט ניט ווייניק דערנידעריונגען און אָנגעליטן זיך ניט ווייניק נויט, ביז ער האָט זיך „ארויפגעארבעט“ און פארלייגט א קליינע קראָם, וועלכע האָט אים געזאָלט געבן א „פעסטע פרנסה“. ער האָט דעם האנדל ניט ליב געהאט, ער איז געווען א ליבהאָבער פון מוזיק און מאָלעריי, מיט וועלכע ער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט פארנעמען צוליב מאנגל אין געהעריקער בילדונג. פארשטייענדיק דעם נוצן פון דער וויסנשאפט פאר איטלעכן מענטש, האָט ער לכל־הפּחות זיך באמיט זיינע קינדער צו פארזיכערן בילדונג, און ער האָט פארעקשנט געשטרעבט צו דערגרייכן דעם דאָזיקע ציל.

פּאוועל טשעכאָווס גוטע, מענטשלעכע אייגנשאפטן זענען געווען פארהוילן אונטער דער הארטער הויט פון ברוטאלישקייט, עקשנות, פאָראורטיילן. זיין שווערער לעבנס־קאמף האָט נאָך מער פארשארפט אָט די דאָזיקע כאראקטער־אייגנשאפטן און האָבן פון אים געמאכט אן אכזר, וועלכער האָט ניט פארטראָגן דעם מינדעסטן פּראָטעסט אָדער ווידערשטאנד מצד זיינע נאָענטסטע. אין טשעכאָווס שטוב האָט געהערשט שאַרפע מנהגים און פּרינציפּן. פאר יעמוועדן פּרוּוו זיי עובר צו זיין האָט דער טאטע באשטראָפט מיט א קאנטשיק און פויסט. קיין חידוש ניט, אז אנטאָן טשעכאָוו האָט שפּעטער דערמאָנט זיין קינדהייט, ווי א קאָשמאר, און די געשטאלט פונעם אכזריותדיקן, פארעקשנטן פאָטער, וואָס פארשטייט ניט און וויל ניט פארשטיין זיינע קינדער, באווייזט זיך זייער אָפט אין זיינע נאָוועלן.

מיט נאָר אַן אנדערן כאראקטער האָט זיך אויסגעצייכנט דעם שרייבערס מוטער, יעווגעניא יאקאָוולעוונא, א פּראָסטע, גוטע, שיינע פרוי, וואָס האָט טיף ליב געהאַט אירע קינדער. זי האָט אָבער ליידער נישט געהאַט קיין דעה אין די אָנגעלעגנהייטן פון דער פאמיליע און האָט געמוזט אין אלעם זיך אונטערוואַרפן דעם פאָטערס גראָבע זידלערייען, קלעפּ און שיקאנעס, אויף וועלכע זי איז איבעריקנס געווען אויסגעשטעלט צוגלייך מיט די קינדער.

אין עלטער פון 7 יאָר האָט אנטאָן טשעכאָוו אָנגעהויבן גיין אין שול אריין, צוערשט אין א פּריוואטן אנשטאלט, און זינט 1868 — אין א גימנאזיע אין טאגאנראָג. לויט דעם פאָטערס השגה האָבן די שול-פליכטן נישט באפרייט דאָס קינד פון פנעם חוב צו פארדינען. אלע משפחה-מיטגלידער האָבן נאָכאנאנד געמוזט דיזשורירן אין דער קראָם, אין וועלכער עס איז געווען קאלט און פייכט. מיט הענטלעך געשוואָלענע פון קעלט, צווישן פעסער און שעכטלעך, האָט דער קומענדיקער ליטעראטור-געני געשריבן זיינע שול-אויפגאבעם. דאָס איז איבעריקנס נישט געווען נאָך דאָס ערגסטע. דער פאָטער האָט אים אויך געצוווּנגען צו זינגען אינעם צערקווע-כאָר און חוץ דעם צו לערנען זיך שוסטעריי. די דאָזיקע פארשידנארטיקע באשעפטיקונגען און שווערע שטוב-באדינגונגען האָבן אָן שום ספק גורם געווען, אז אנטאָן איז אין ערשטן פעריאָד געווען א שוואכער שילער און האָט צוויי מאָל געמוזט פארבלייבן אין דעם זעלבן קלאס. ערשט שפּעטער האָבן זיך געלאָזט מערקן זיינע גרויסע פעיקייטן, בפרט זיינע ליטעראַרישע פעיקייטן, און — וואָס ס'איז דאָס וויכטיקסטע — די דאָזיקע פעיקייטן האָט באמערקט דער ריכטיקער מענטש. צווישן די גימנאזיע-לערער, וועלכע זענען לרוב געווען באגרענעצטע מוחות און נישט פארמאָגט קיין איבעריק גרויסן וויסן, האָט זיך אויסגעצייכנט דער לערער פ. פ. פּאָקראָווסקי. ער האָט פארמאָגט א סך אינטעליגענץ און בילדונג, טשעכאָוו האָט אים זייער ליב געהאַט, און אויך פּאָקראָווסקי האָט שנעל ליב געקראָגן דעם קליינעם „אנטאָשע“. פּאָקראָווסקי האָט דער ערשטער באמערקט זיינע ליטעראַרישע פעיקייטן און באמיט זיך זיי צו אנטוויקלען. ער פלעגט זיך וויצלען און איבערדרייען דעם פאמיליע-נאָמען טשעכאָוו אויף „טשעכאָנטע“, בעת ער פלעגט אַנטאָשען אַרויסרופן צום טאָוול. דעם דאָזיקן צונאָמען האָט שפּעטער טשעכאָוו אויסגעקליבן פאר א ליטעראַרישן פסעוודאָנים און פלעגט מיט אים חתמענען זיינע ערשטע יוגנט-ווערק.

אלס דרייצניעריק ייִנגל האָט זיך אנטאָן טשעכאָוו צום ערשטן מאָל באקאנט מיטן טעאטער. איינער פון זיינע חברים, א זון פון אן אקטיאָר, האָט אמאָל אריינגעפירט אַנטאָשען אין די הינטער-קוליסן פונעם טאַגאַנראָגער טעאַטער. טשעכאָוו האָט זיך דאָ באקאנט מיט די ארטיסטן, זיך צוגעקוקט, ווי מען מאָלט און שטעלט דעקאָראציעס. דער וויזיט אין טעאטער האָט אויף אים געמאכט א גרויסן רושם. צוזאמען מיט זיינע ברידער האָט ער געגרינדעט אן אמאטאָרן-טעאטער, אין וועלכן

ער איז נאטירלעך געווען דער הויפּט־אקטיאָר... אלץ, נאטירלעך, בסוד־סודות פאר דער ישול־מאכט.

א פּאָר ווערטער וועגן טשעכאָווס ברידער און שוועסטער.

טשעכאָווס ברידער און זיין שוועסטער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסע פעיקייטן („די פעיקייטן האָבן מיר געירשנט פון טאטן, די נשמה — פון דער מאמען" — האָט געשריבן טשעכאָוו). צוויי ברידער — אלעקסאנדער און מיכאיל — האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט ליטעראַרישע פעיקייטן, ניקאָלאי און מאריא — מיט מאָלערישן טאלאנט, איוואן איז געווען א טאלאנטירטער פעדאגאג. זיי אלע האָבן, ווי אנטאָן, געהאט ברייטע האָריזאָנטן און פאראינטערעסירונגען, פארמאָגט א סך שארפזין און הומאָר, וועלכער איז געווען ווי א קעגנזאץ צו דעם מרה־שחורהדיקן ארום, אין וועלכן זיי איז אויסגעקומען צו לעבן. די נייגונג צו שיכרות, אין וועלכער עס זענען שפּעטער אריינגעפאלן אנטאָנס ברידער, האָט זיי ליידער געשטערט צו אנטוויקלען זייער אָנספּקדיקן טאלאנט.

העלפט זיבעציקער יאָרן האָבן זיך די געשעפטן פון טשעכאָווס פאָטער באדייטנדיק פארערגערט. עס איז לסוף דערגאנגען דערצו, אז אין יאָר 1876 האָט ער געמוזט ליקווידירן די קראָם אין טאגאנראָג און צוזאמען מיט דער גאנצער פאמיליע, חוץ אנטאָנען, זיך איבערגעטראָגן קיין מאָסקווע, ווו עס האָבן שוין שטודירט די צוויי עלטערע זין — אלעקסאנדער און ניקאָלאי. אנטאָן איז געבליבן אין זיין געבורטס־שטאָט, כדי צו ענדיקן די גימנאזיע. די צעשיידונג מיטן פאָטער איז אים צוגוטצגעקומען. ער האָט זיך באפרייט פון דער אומאָנגענעמער קאָנטראָל און שלעכטער השפּעה פון דער באלעבאטישער סביבה. ער האָט זיך אויסגעהאלטן פון קאָרעפּעטיציעס און האָט נאָך אפילו מאטעריעל געהאָלפן די עלטערן.

זיינע בריוו פון יענעם פעריאָד באווייזן, אז מיר האָבן שוין צו טאָן מיט א זעלבשטענדיק דענקנדיקן מענטש, וועמענס ליטעראַרישע פאראינטערעסירונגען ברייטערן זיך אויס פון טאָג צו טאָג. נישט געקוקט אויף דער נויט, אין וועלכער ער לעבט, א נויט, וועלכע, ווי ער האָט זיך אליין אויסגעדריקט, האָט אים געמוטשעט, „ווי א צאָן־ווייטיק", האָט דער 16־יעריקער בחור נישט פארלוירן דעם הומאָר. ער „גיט ארויס" א הומאָריסטישע „טאָג־צייטונג" א. נ. „זאאיקא" („דער שטאמלער"). ער שרייבט אין דעם גימנאזיע־בלעטל. ער פּרוּווט אפילו זיינע כוחות אויפן געביט פון דראמאטורגיע, שרייבנדיק א ראָמאן און א וואָדעוויל א. נ. „וועגן וואָס די הון האָט געקרייעט". דאָס אלץ האָט ער געשיקט קיין מאָסקווע צו זיין ברודער אלעקסאנדער, וועלכער האָט זיי געוויזן דעם דעמלט זייער באקאנטן דראמאטורג ס. סאָלאָוויאָוו. „מיט דער צייט — ווער ווייסט — וועט ער אפשר ווערן א טיכטיקער שרייבער" — האָט געפסקנט סאָלאָוויאָוו.

אין יאָר 1879 האָט טשעכאָוו געענדיקט די גימנאזיע און זיך איבערגעטראָגן קיין מאָסקווע, ווו ער האָט זיך פארשריבן אין אוניווערסיטעט אויפן מעדיציניש

פאקולטעט. אין דער היים איז די לאגע געווען נישט מקנא צו זיין. דער טאטע האָט געארבעט אין א קאנטאָר אויף זאמאָסקווערעטשע און האָט שלעכט פאר־דינט, די מאמע פלעגט אָפּזיצן נעכט איבער דער ניי־מאשין, כדי עפּעס צופאר־דינען אויף פרנסה. די צוויי עלטערע ברידער האָבן געוווינט באזונדער און כמעט איינגאנצן נישט געהאָלפן דער משפחה. וואויפן יונגן אנטאָשע איז אויסגעפאלן די לאסט צו זיין דער מאטעריעלער אָנשפאר פון זיין פאמיליע.

ערשטע שאפונגען

דער אָנהייב פון טשעכאָווס ליטעראַרישער טעטיקייט פאַלט אויס אויף די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

לענין האָט די 80-ער יאָרן כאַראַקטעריזירט אויף פאָלגנדיקן אופן:

„נישט געווען אין רוסלאַנד קיין עפאָכע, וועגן וועלכער מען וואָלט געקאָנט זאָגן מיט אַזויפיל רעכט, אַז „עס איז געקומען די ריי פאַר געדאַנק און שכל“, ווי וועגן דער עפאָכע פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן... טאַקע אין דער דאָזיקער עפאָכע האָט אַלץ אינטענסיווער געאַרבעט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער געדאַנק, שאַפנדיק די פונדאַמענטן פונעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן וועלט-באַנעם“...

דאָס איז גלייכצייטיק די צייט פון געניאַלע פאָרשונגען פון די רוסישע געלערנטע מענדעלעיעוו און טימיריאַזעוו, פון די וווּנדערלעכע קונסט-ווערק פון סוריקאָוו און רעפין; דאָס איז די צייט, ווען אין דער מוזיק באַווייזן זיך אומשטערבלעכע ווערק פון טשאַיקאָווסקין און רימסקי-קאָרסאַקאָוו. אויפן ליטעראַרישן געביט זענען טעטיק, נישט געקוקט אויף די שאַרפע צענזור-באַדינגונגען, סאַלטיקאָוו-שטשעדרין, לעוו טאָלסטאָי, קאָראָלענקאָ.

נעבן זיי טאַקע, נעבן די דאָזיקע גייסטרייכע נאַציאָנאַלע שרייבער און מייסטער פון וואָרט, וואָס זענען שוין געווען ברייט באַקאַנט און באַרימט, איז אַרייַנגעטראָטן אין דער ליטעראַטור דער יונגער און טאַלאַנטפולער טשעכאָוו.

טשעכאָוו הייבט אָן דרוקן זיינע ערשטע שאַפונגען אין הומאָריסטישע בלעטער. דעם קאָנטאַקט מיט די רעדאַקציעס האָבן אים געשאַפן זיינע ברידער, וועלכע זענען שוין געווען ברייט באַקאַנט אויפן פעליעטאָניש-זשורנאַליסטישן „מאַרק“. אַנטאָן טשעכאָוו באַטראַכט לכתחילה זיין ליטעראַרישע טעטיקייט ווי אַ פאַרדינסט-מקור, וואָס דערלויבט אים פאָרצוזעצן דעם שטודיום און מאַטעריעל צו שטיצן די משפחה. ער שרייבט זייער אַ סך: אַן ערך 200 ביז 300 דערציילונגען יערלעך, כמעט יעדן טאָג אַ דערציילונג! ער זוכט כסדר טעמעס צו באַאַרבעטן און געפינט זיי אין דער כראָניק פון פאַרשידענע צייטונגען, ביי באַקאַנטע רעפאָרטערן, ער שעפט זיי אויך פון אייגענער אָבסערוואַציע.

הארב איז דערמלט געווען דאָס פראָבלעם פון א טעמע פאַר א הומאָריסט. א סאטיריקער האָט ביי די דעמלטיקע באדינגונגען געמעגט שרייבן וועגן אלעם, נאָר נישט וועגן דעם צאפלדיקן לעבן גופא. בכלל גענומען האָט עקזיסטירט אן אייזערנער רעפערטואר פון טעמעס, ריכטיקער — פון שאבלאָנען, וועלכע פראָפעסיאָנעלע הומאָריסטן האָבן געניצעוועט אויף אלע זייטן. דער מינדסטער אָפנייג אין דער ריכטונג פון „פאָליטיק" איז געווען געפערלעך. חוץ דעם האָט די שטרענגע צענזור פון איר זייט געזאָרגט, אז קיין שום הומאָריסטישע דערציילונג זאָל חלילה נישט אנטהאלטן אן אלעגאָריע אויפן אדרעס פונעם צארישן רעזשים און זיינע משרתים. טשעכאָוו האָט דעריבער אויך געהיט זיך נישט צו באטרעטן דעם „געפערלעכן" באָדן פון פאָליטיק. דאָך האָבן זיינע הומאָרעסקעס, וואָס האָבן זיך טעמאטיש נישט אונטערשיידט פון א סך אנדערע אין יענער צייט, אנטהאלטן עפעס אזוינס, וואָס האָט אים פאָרט אויסגעטיילט פון דער גאנצער פלעיאדע פראָפעסיאָנעלע הומאָריסטן.

די לייענער פון טשעכאָווס מיניאטורן האָבן געלאכט ביז טרערן און הנאה געהאט פון זיינע הומאָרפולע בילדער און המצאות, אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט נישט באמערקן, אז „אנטאָשא טשעכאָנטע" גיט זיי עפעס מער, ווי זיי זענען עס געווינט געווען צו זען אויף די שפאלטן פון „סטריעקאָזא", „אָסקאָלקי", „בודילניק" און אנדערע הומאָריסטישע בלעטער. אין אלע טשעכאָווס פריילעך-געמיטלעכע דערציילונגען האָט געשטעקט ערנסטער אינהאלט.

טשעכאָוו האָט פארמאָגט א וואונדערלעכן אָבסערוואציע-חוש, א פעיקייט אויפצוכאפן און אויסצוטיילן פונעם לעבן אלדאָס קאָמישע, אָבער ער האָט אויך פארמאָגט די פעיקייט דאָס קאָמישע קינסטלעריש צו פאראלגעמיינערן. מיט שפאָרזאמע, פשוטע מיטלען האָט ער געמאָלן זיינע מיניאטורן, אָבער נישט איינע פון די דאָזיקע מיניאטורן איז געווען א סך פארביקער, בולטער, פלאסטישער, ווי א גרויס בילד. אין טשעכאָווס מיניאטורקעס זעט מען דעריבער נישט נאָר לעבערלעכע אָדער געבעכדיק-לעכערלעכע העלדן, נאָר אויך די תקופה, מיט איר רשעות, דעספאָטיזם, גייסטיקער אויסגעהוילטקייט, פארקנעכטונג און דערנידערונג פונעם מענטש.

לאָמיר, למשל, נעמען די דערציילונג „דער טויט פון א באאמטן", געשריבן אין יאָר 1883.

דער העלד פון דער דערציילונג טשערוויאקאָוו זיצט אין טעאטער, א גליקלעכער, א צופרידענער פונעם לעבן. פלוצים געשעט אן „אומגליק": טשערוויאקאָוו האָט א ניס געטאָן! דער פאקט אלס אזעלכער וואָלט אלנפאלס נישט געדארפט האָבן קיין קאטאסטראָפאלע פאָלגן — פארשטייט טשערוויאקאָוו. „ניסן איז קיינעם און אין ערגעץ נישט פארבאָטן". — זאָגט אין זיין נאָמען דער מחבר. „עס ניסן סיי פויערים, סיי פאָליצמייסטערס, צייטנווייז אפילו — געהיימראַטן". דער

„אומגליק“ באשטייט דערין, אז טשערוויאקאָוו האָט א ניס געטאָן אויף דעם פליך פונעם „סטאטסקי גענעראל“ (א הויכער מיניסטעריאל=אמט) בריזשאלאָוו, וועלכער איז געזעסן אין טעאטער א ריי פאר אים. וואָס אן אמת, איז בריזשאלאָוו נישט געווען טשערוויאקאָווס שעף, אָבער פאָרט — אן „עקסעלענץ“, א באאמטער פון א הויכער מדרגה. טשערוויאקאָוו האָט זיך תיכף אנטשולדיקט ביים מלוכה=מאן, אָבער ער איז געבליבן אומרויאיק: אפשר איז יענער, טראָץ אלעם, באליידיקט? ער קאָן נאָך אן עוולה טאָן, פועלן, אז מען זאָל טשערוויאקאָוון פון פאָסטן באפרייען, ווי אזעלכן, וואָס ווייזט נישט ארויס קיין גענוגנדיקן דרך=ארץ צו דער מאכט!...

און, בעת דער פויזע, בעט טשערוויאקאָוו נאָכאמאָל דעם מלוכה=מאן, אז ער זאָל אים מוחל זיין.

„אַך, לאָמיר נישט רעדן דערוועגן... איך האָב שוין פארגעסן, און איר — חזרט ווידער איבער דאָס אייעריקע“ — האָט אומגעדולדיק געענטפערט דער דירעקטאָר.

„ער האָט פארגעסן... אָבער די אויגן זיינע קוקן מיט רוגזה“, — האָט געטראכט טשערוויאקאָוו, נישט אראָפּלאָזנדיק דעם בליק פונעם מלוכה=מאן. „מען דארף אים אויסטייטשן, אז דאָס איז געשען נישט ווילנדיק... אז דאָס איז אזא נאטור=געזעץ. ווייל ער איז גרייט צו מיינען, אז איך האָב אים געוואָלט באשפייען... אויב ער מיינט אפילו נישט אזוי איצטיקן מאָמענט, קאָן אים נאָכדעם עפּעס אזעלכעס קומען אין זינען אריין“...

צומאָרגנס טוט זיך אָן טשערוויאקאָוו אין גאלא=מונדיר און גייט אוועק צו בריזשאלאָוון, כדי זיך פאר אים צו אנטשולדיקן. יענער וויל מיט אים נישט רעדן און זאָגט, אז דאָס איז א קלייניקייט. בעת טשערוויאקאָוו גייט נאָכאמאָל אריין צום מלוכה=מאן און נעמט אים איבערצייגן, אז ער האָט „א ניס געטאָן נישט מילנדיק“, אז „ער האָט חרטה“ אויף זיין „פארברעכן“ — האָט דער סטאטסקי גענעראל א מאך געטאָן מיט דער האנט, און זיין פנים האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט וועלן וויינען: — „וואָס זאָל דאָס הייסן, איר מאכט פון מיר ליצנות, טייערער, האַ...?“ — האָט ער געזאָגט און פארשוונדן. טשערוויאקאָוון איז אָבער ערשט דעמאלט באפאלן אן אימה. ער ציטערט פאר די רעזולטאטן פון דער כלומרשטער אומפריינדלעכקייט פונעם מלוכה=מאן. ער וויל צו אים שרייבן א בריוו און אים איבערצייגן, אז דאָס איז באמת געווען א צופאל, אז ער האָט גאָרנישט בדעה געהאט צו מאכן שפּאס, אז... אָבער ער האָט דעם בריוו נישט אָנגעשריבן. ער איז נאָכאמאָל אוועק צום „באליידיקטן“ מלוכה=מאן. דעמלט איז יענער ארויס פון די כלים און האָט אים געהייסן זיך אָפּטראָגן צו אלדי רוחות! דעם דאָזיקן קלאפּ האָט שוין אָבער טשערוויאקאָווס האַרץ נישט אויסגעהאלטן:

„גאָרנישט נישט זעענדיק, גאָרנישט נישט הערנדיק, האָט ער זיך צוריקגעצויגן צו דער טיר, איז ארויס און האָט גענומען זיך שלעפן איבער די גאסן. ווי מבולבל איז ער געקומען אין שטוב, זיך געלייגט, נישט אויסטוענדיק דעם גאלאמונדיר, אויף דער סאָפע און איז... געשטאָרבן.“

די גאנצע דערציילונג האָט אין אָריגינאל נישט מער ווי צוויי זייטלעך דרוק. דאָס איז א לעכערלעכע געשיכטע? אפילו זייער א לעכערלעכע. אָבער נישט בלויז דאָס. די דאָזיקע מיניאטור איז א גלענצנדיקע סאטירע אויף דער צארישער ביוראָקראטיע, זי דעמאסקירט און באלייכט דעם רעזשים בעסער ווי א פילבאנדיק ווערק.

טשערוויאקאָוו איז א לעכערלעכע פיגור, אָבער ער רופט גלייכצייטיק ארויס מיטגעפיל ביים לייענער. עס איז שווער זיך צו באפרייען פונעם איינדרוק, אז טשערוויאַקאָוו איז אַ קרבן פונעם סיסטעם, וואָס פּראָדוצירט אַזעלכע קענכטישע נשמות, פון א סיסטעם, וואָס שטיצט זיך אויף אָפּשרעקן, אויף פּראָטעקציע, הינטערקולים-השפעות. קיינער פון טשעכאָווס מיטצייטלער האָט נישט באוויזן צו דערגרייכן שטארקערע עפעקטן מיט אזעלכע באשיידענע מיטלען — אין א קליינער דערציילונג, אפילו מיט איין זאץ!

בעת דער מחבר פונעם „טויט פון א באאמטן“ שטעלט פעסט, אז ניסן איז קיינעם און אין ערגעץ נישט פארבאָטן, אז עס „ניסן סיי פויערים, סיי פּאָליצמייסטערס, צייטנווייז אפילו געהיימראטן“ — דארף מען געדענקען, וואָס פארא סאטירישן עפעקט עס האָט געהאט אזא זאץ אין דער עפּאָכע, ווען די גאנצע מלוכהשע געזעצגעבונג איז דער עיקר באשטאנען פון פארבאָט, בעת צווישן דעם פויער און געהיימראַט (מיניסטעריאַל-באַאַמטער) איז געווען אַזאַ טיפער אָפּגרונט, אז לויט די השגות פון אָט די געהיימראטן, איז דער פויער כמעט נישט געווען קיין מענטש!

טשעכאָוו האָט דעביוטירט אין 1880 יאָר. במשך פון 3 יאָר האָט ער באוויזן צו דערגרייכן א שרייבערישע ווירטואָזיטעט. טראָץ דעם פארשטייט ער נאָך אלץ נישט, וואָס עס איז זיין אייגנטלעכער באַרוף. דאָס פּראָבלעם פון אויסקלייבן צווישן „דער ווייב — מעדיצין און דער געליבטער — ליטעראטור“, ווי ער האָט דאָס באצייכנט, וועט זיך ערשט שטעלן פאר אים שפּעטער. לעת-עתה עקזיסטירט נאָך אלץ די „ווייב — מעדיצין“. און מיט ליטעראטור פארנעמט ער זיך ווי אן אמאטאָר. אין יאָר 1884 ענדיקט טשעכאָוו דעם אוניווערסיטעט. אויף דער טיר פון זיין דירה באוויזט זיך אן אויפשריפט: ד"ר א. פּ. טשעכאָוו. אָבער אויך דעמלט פארווארפט ער שוין נישט די ליטעראטור. שעפנדיק פון איר מיטלען אויף אויסצוהאלטן די משפחה, פארפולקאָמט ער אלץ מער דעם קינסטלערישן אויסדרוק. זיין טאלאנט אנטוויקלט זיך אלץ שטארקער. „עס האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז טשעכאָוו איז א יונגער דעמב, וועמענס צווייגלעך, טיילמאָל נאָך

צעשויבערטע, וואַקסן אין פאַרשידענע זייטן, אָבער עס פילט זיך שוין אין אים די קומענדיקע קראַפט און שיינקייט פון א מעכטיקער אַנטוויקלונג" — האָט שפּעטער געשריבן וועגן טשעכאָוון פון יענער צייט דער באַקאַנטער רוסישער שרייבער וולאַדימיר קאָראָלענקאָ.

אין יענער צייט נעמט זיך אויסקריסטאַליזירן טשעכאָווס פיזיאָנאָמיע אַלס שרייבער און מענטש. שוין אין זיינע ערשטע ווערק טרעטן בולט ארויס די טיף דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון זיין שאַפונג, זיין טיפער הומאַניזם, די ליבע צו די שוואַכע, באַעוולהטע, די שנאה צו די באַדריקער.

טשעכאָווס חווק=געלעכטער דעקט אויף די מיאוסקייטן פונעם געזעלשאַפטלעכן סיסטעם, אַנטבלויזט די צביעות, טפשות, די באַמסטווע פון די טיפּישע פאַרשטייער פונעם רעזשים. א נישטיקע טעמע, ווי ארויסגעכאַפּט פון דער שטאָטישער גאַס אָדער פון הינטער די דאָרפישע פּלויטן, פאַרוואַנדלט זיך אונטער טשעכאָווס פען אין אַן אויסדרוקספולן בילד.

לאָמיר זיך דערמאָנען די דערציילונג „דער כאַמעלעאָן" (אָנגעשריבן אין יאָר 1884).

איבער דער שטאָט שפּאַצירט דער נאַדזיראַטעל אָטשומיעלאָוו און דער גאָראָדאָוואָי.* פּלוצעם דערהערט זיך אַ טומל. עפּעס אַ הונט האָט אַ ביס געטאָן דעם פינגער פון גאָלדשמיד כריוקין. פאַר נאַדזיראַטיעל איז דער ענין קלאָר:

„וועמענס הונט איז עס? איכ׳ל זיך שוין מיט דעם פאַרנעמען! איכ׳ל אייך ווייזן, ווי מען צעבאַלעוועט הינט! שוין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט די דאָזיקע לייט, וואָס ווילן זיך נישט אונטערוואַרפן די געזעצן! צו פאַרשטיין, וואָס אַזוינס עס איז אַ הונט און אַ כדומו זיך וואַלגערנדיקע בהמה! איכ׳ל אים ווייזן, ווו דער פעפער וואַקסט!... יעלדירין! — ווענדט זיך דער נאַדזיראַטיעל צום גאָראָדאָוואָי — ווער אָקאָרשט געוואָר, וועמענס הונט עס איז און שרייב אַ פּראָטאָקאָל! דעם הונט איבערגעבן צום היצעל... תיכף! ער איז מן הסתם מטורף... וועמענס הונט איז עס? — פרעג איך"...

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער הונט געהערט גאָר צום גענעראַל זשיגאַלאָוו. דעמלט ענדערט זיך פּלוצעם דעם נאַדזיראַטיעלס גאַנצע תקיפות און זיין „פּרינציפּיעלער" צוגאַנג צום ענין. שוין נישט דער באַלעבאָס פונעם הונט, און אויך נישט דער הונט איז שולדיק, נאָר דער צעביסענער כריוקין. דער גאָראָדאָוואָי באַמערקט אָבער, אַז דער הונט קאָן נישט געהערן צום גענעראַל: דער גענעראַל האַלט שפּיר=הינט — און דאָס איז אַ ווינט=הינט. עס אַנטוויקלט זיך אַ דיסקוסיע: יאָ דעם גענעראַלס הונט, צי נישט דעם גענעראַלס. אייניקע זאָגן יאָ, אַנ=

* אַזאַ אָפיצירן= און אונטעראָפיצירן=ראַנג אין דער צאַרישער פּאָליציי.

נערע גיין. און אָפהענגיק פון דעם, וואָס איינער זאָגט, גיט אָטשומיעלאָוו עצות דעם באַעוולהטן: אַז רעדט ער אים צו, ער זאָל שענקען די עוולה, וואָס איז אים געשען, און אַז זידלט ער אים, אַז ער, דער צעביסענער, האָט דעם הונט אומישנע צערייצט... לסוף ווערט דער ענין אויפגעקלערט:

...„אָט גייט דעם גענעראַלס קוכער... לאָמיר אים אַ פרעג טאָן... העי, פראָכאָר! קום נאָר אַהערצו, טייערינקער! דערלאַנג נאָר אַ קוק אויפן הונט... אייערער?

— אַן איינפאַל פון אייך! אַזעלכע הינט האָבן מיר קיינמאָל נישט געהאַט.

— עס איז דאָ נישט ווייטיק קיין לאַנגע אויספרעגעניש! — זאָגט אָטשומיעלאָוו. — דער הונט האָט נישט קיין באַלעבאָס! וואָס איז דאָ צו ברייען... כ'האָב באַלד געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין באַלעבאָס. און ער איז טאַקע אָן אַ באַלעבאָס... צום היצעל אים — און אַ סוף!

— נישט אונדזער הונט, — זאָגט ווייטער פראָכאָר, — נאָר דעם הער גענעראַלס ברודער... טאַקע אייערנעכטן געקומען צו פאָרן צו אונדז. אונדזער האַר איז טאַקע נישט קיין ליבהאָבער פון ווינט־הינט, אָבער זיין ברודער — אַדרבא.

— איז, הייסט עס, זייער ברודערל געקומען צו פאָרן? וולאַדימיר איוואַנימש? — פרעגט אָטשומיעלאָוו און אַ ליבלעכער שמייכל באַשטראַלט זיין פנים. — גאָטעניו ליבער! כ'האָב גאָר נישט געוווּסט וועגן דעם! געקומען צו גאַסט?

— צו גאַסט...

— גאָטעניו מיינער, זיך פאַרבענקט צום ברודערל... און איך האָב וועגן דעם נישט געוווּסט! איז עס, הייסט עס, זיין הינטל? זייער אַנגענעם... נעם אים צו... אַ נישקשהדיק הינטל. און וואָס פאַרא פיפיקער: איינס־צוויי און אָט גיט ער אַ כאַפ פאַר דער האַנט! כאַ, כאַ, כאַ... נו, וואָס טרייסלסטו זיך אַזוי, הינטעלע? ררררר... רר... ער בייזערט זיך, דער מחיהדיקער! אַ צאַצקעדיקער אַזעלכער...

פראָכאָר גיט אַ פייף אויפן הונט און גייט אַוועק... דער המון מאַכט חוזק פון כריוקינען.

— איכ'ל אייך נאָך דערטאַפן! — דראָט אָטשומיעלאָוו, און, איינקאָרטשנדיק זיך אין מאַנטל, גייט ער זיין וועג דורכן מארק־פּלאַץ..."

„דער כאַמעלעאָן" — דאָס איז אין דער רוסישער ליטעראַטור אַ קלאַסיש ווערק, וואָס שטייט אין איין ריי מיט די בעסטע ווערק פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין. אין ווינציקע ווערטער, אין די שמאָלינקע ראַמען פון אַ קליינינקער דערציילונג, האָט דער מחבר דאָ באַוויזן אויף אַן אומפאַרגלייכלעכן אופן צו מאָלן אַ כאַראַקטעריסטיש בילד פון זיין צייט, אונטערצוכאַפן איינעם פון די עיקרדיקסטע סימנים פונעם צאַרישן רעזשים: צוויי מאָסן פון געזעץ, איינע — פאַר די הערשנ=

דיקע, אַן אַנדערע — פֿאַרן פֿאָלק. ווי דער סיסטעם, אַזוי זענען זיינע דינער. דער גאַדזיראַטיעל אָטשומיעלאָוו — דאָס איז אַן אידעאַל פֿון אַ צאַרישן באַאַמטן, וואָס בוקט זיך פֿאַרן שטאַרקן, וואָס איז גראָב לגבי די שוואַכע, וואָס עגדערט זיין הויט ווי אַ כאַמעלעאָן, כדי געפֿעלן צו ווערן דער מאַכט. אָטשומיעלאָוו איז אַ פּראָדוקט פֿון דער זעלבסטהערשאַפֿט, פּונקט ווי דער העלד פֿון דער דערציילונג „דער אונטעראָפֿיציר פּרישיביעיעוו".

די דערציילונג „אונטעראָפֿיציר פּרישיביעיעוו" איז בּאַגלייך מיט דעם „כאַמעלעאָן" אַריין אין אַרסענאַל פֿון דער פּאָליטישער סאַטירע פֿון רוסלאַנד. אָט איז איר אינהאַלט:

פֿאַרן געריכט שטייט דער עמעריטירטער אונטעראָפֿיציר פּרישיביעיעוו. אים ווערט פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז ער האָט מיגדלער און פֿיזיש באַליידיקט דעם אוריאַדניק* זשוגין, דעם וואָלאָסטנאָי סטאַרשינאַ** אַליאַפּאָוו, דעם סטראַזשניק יעפימאָוו און עטלעכע פּויערים. דערביי זענען די ערשטע דריי באַליידיקט געוואָרן, בעת זיי האָבן אויסגעפֿירט זייערע אַמטלעכע פֿליכטן.

דער אונטעראָפֿיציר פּרישיביעיעוו איז זיך מודה, אַז ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן. אָבער ער האַלט דאָס לגמרי נישט פֿאַר קיין פֿאַרברעכן. ער האַלט, אַז ער האָט ריכטיק געהאַנדלט, ווייל לויט אים האָבן די דריי באַאַמטע נישט געהעריק און אויף אַ נאַכלעסיקן אופֿן אויסגעפֿירט זייער דינסט-פֿליכט. ער, דער אונטעראָפֿיציר פּרישיביעיעוו, האָט אַמאָל געדינט אין וואַרשע, דערנאָך איז ער געווען שומר אין אַ קלאַסישער פּראָגימנאַזיע פֿאַר יינגלעך, דעריבער איז ער אַ „מבין" אויף יורידישע פֿאָרשריפֿטן און ער ווייסט, וואָס עס הייסט נאַטשאַלסטווע און וויאַזוי מען דאַרף אַרויסווייזן צו איר דרך-ארץ.

בעת דעם פֿאַרהער ווייזט זיך אַרויס, אַז פּרישיביעיעוו טעראָריזירט דאָס גאַנצע דאָרף: ער טרייבט פֿאַנאַנדער פֿאַרזאַמלונגען, ער ניוכעט אויס אומעטום „אומרועז":

— מיר אַלע, דאָרפֿסלייט, באַקלאָגן זיך אויף אים, — זאָגט דער סאָלטיס, — נישט אויסצוהאַלטן איז פֿון אים באין אופֿן. צי דאָס איז אַ פּראָצעסיע, צי אַ חתונה, צי גאָר אַן אַנדערע געלעגנהייט — אומעטום שרייט ער, רודערט ער, פֿירט ער איין זיינע פֿאָראָנדקעס. קינדערלעך רייסט ער פֿאַר די אויערן, פֿרויען שפּיאָנירט ער נאָך, אַז עס זאָל דאָרט עפּעס נישט געשען מיט זיי — אַ מחותן אַ גאַנצער... אַנומלטן איז ער געגאַנגען איבער די כאַטעס און באַפֿוילן, אַז מען זאָל קיין לידער נישט זינגען און נישט זיצן ביי ליכט. קיין געזעץ אַזאַ, טענהט ער, איז נישט פֿאַראַן, אַז מ'זאָל זינגען לידער.

* אוריאַדניק — אונטעראָפֿיציר פֿון דער פּאָוויאַטאָווער פּאָליציי.

** וואָלאָסטנאָי סטאַרשינאַ — סאָלטיס.

פּרישיביעיעוו איז אויפגעבראַכט:

— זיי באַקלאָגן זיך, אַז כ'דערלויב זיי נישט צו זינגען! וואָס פאַרא נוצן איז פון די דאָזיקע לידער? אָנשטאָט זיך צו נעמען צו אַ וועלכער ס'איז אָרנטלעכער אַרבעט, זינגען זיי זיך... אָדער אַזאַ מאָדע זיך אויסגעפונען, צו זיצן אין די אָוונטן ביי ליכט. שלאָפן לייגן זיך דאַרף מען, און זיי פאַרגלוסט זיך שמועסן און לאַכן. כ'האָב עס פאַרשריבן!

— וואָס האָט איר פאַרשריבן?

— ווער עס זיצט ביי ליכט!

פּרישיביעיעוו שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ פאַרפּעצט שטיקל פּאַפּיר, פאַרלייגט די בריל און לייענט:

— ...וועלכע פּויערים זיצן ביי ליכט: איוואַן פּראָכאָראָוו, סאַוואַ ניקיפאָראָוו, פּיאָטר פּיעטראָוו... די אַלמנה נאָכן סאָלדאַט שוסטראָוו לעבט אין אויסגעלאסן לעבן אָן חתונה־אַקטן מיט סעמיאָן קיסלאָוו. איגנאַט סווערטשאָק פאַרנעמט זיך מיט זגאַבעריי, און זיין ווייב מאַווראַ איז אַ כישופמאַכערין און זי מעלקט ביינאַכט פרעמדע קי...

— שוין גענוג! — רייסט איבער דער ריכטער און נעמט פאַרהערן די עדות...

פּרישיביעיעוו וווּנדערט זיך, אַז דער ריכטער שטייט נישט אויף זיין זייט. ער פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי: ער, פּרישיביעיעוו, פאַרשטייט דאָך אויסגעצייכנט, וויאַזוי מען דאַרף זיך אומגיין מיטן פּראָסטן פאָלק: מען דאַרף אים האַלטן קורץ, שפּאַנירן און אויף גאָרנישט נישט דערלויבן. ער פאַרשטייט אויך נישט דעם געריכט־אורטייל: „בלויז" אַ חודש אַרעסט. אים דוכט זיך, אַז די וועלט גייט אונטער.

„....אָבער ווען ער איז אַרויס פונעם געריכט־זאַל, זעענדיק ווי די פּויערים שטופּן זיך אין ענגשאַפּט און היצן זיך וועגן עפּעס, נעמט דער קאַפּראַל, פון געוווינהייטסוועגן, פון וועלכער ער וועט זיך מן הסתם שוין קיינמאָל נישט באַפרייען, אויסגלייכן די דלאָניעס אויף „אַכטונג!" און הייבט אָן שרייען מיט אַ הייזעריקער, בייזער שטים:

— גאַררראָר! פאַנאַנדערגיין זיך! נישט שטופּן זיך! מאַרש אין די כאַטעס!"...

דער אונטעראָפיציר פּרישיביעיעוו — אָט דער דאָזיקער „היטער פון אָרדענונג און געזעצלעכקייט", דער דאָזיקער געבוירענער שפּיצעל, איז נישט נאָר אַ פינצטער־קאָמישע פּערזענלעכקייט. דעם דאָזיקן טיפּ איז גוט געקראָכן אין קאָפּ אַריין עטלעכע לערע וועגן די עיקר־יסודות פון דער צאַרישער מאַכט אין רוסלאַנד: דער סיסטעם פון טעראָר, פון פּאַרבאָט, פון שפּאַנירן, פון פּאָליציי־

אישער השגחה איבערן לעבן פון די אונטערטאַנען, פון שרעק פאַר „אומרוען“. די פערזענלעכע טיפשות פון פרישיביעיעוון דערפירט דעם דאָזיקן סיסטעם ביז צו קאַריקאַטור, וועלכע אַפילו אירע שעפער נעמען אויף נישט גערן. אָבער וויפל זענען געווען אַזעלכע פרישיביעיעווס, אפשר קלענערע נאַראָנים, אָבער פונקט ווי ער בייזוויליקע, אָפּשטויסנדיקע שונאים פון יעטוועדער לעבנס־ און פרייהייטס־שטרעבונג? קיין חידוש נישט, אַז דער צאַרישער צענזאָר האָט נישט געוואָלט געבן קיין דערלויבעניש צו דרוקן דעם „אונטעראָפיציר פרישיביעיעוו“, ווייל די דאָזיקע דערציילונג שטעלט פאָר „אָפּשטויסנדיקע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, וועלכע האָבן זיך באוויזן אין רעזולטאַט פון דער פאַרשטאַרקטער פּאָליציייאישער השגחה“...

דער פראָסטער מענטש אין טשעכאָווס ווערק

די דריי פריער דערמאָנטע ווערק געהערן צום ערשטן פעריאָד פון טשעכאָווס שאַפן. דאָס איז געווען אַ פעריאָד פון זוכן אַן אייגענעם סטיל, אייגענע אויסדרוק־פאָרמען און אַן אייגענע טעמאַטיק. דער מחבר פון „אונטעראָפיציר פרישיביעיעוו" באַטראַכט זיך קודם כל ווי אַ הומאָריסט. ער וויל געבן אונטערהאַלטונגס־שטאָף, ער וויל אויפהייטערן דעם לייענער, אַפילו דעמלט, ווען ער באַרירט זייער ערנסטע פראַגן. דאָס האָט זיך אים גוט איינגעגעבן. דער איינגעבוירענער חוש פאַר הומאָר און אויסערגעוויינלעכע שאַרפע אָבסערוואַציע, געפאָרט מיט אַ גלענצנדיק באַהערשטער שרייבערישער טעכניק, מיט אַ פעיקייט צו איבעראַשן דעם לייענער מיט דער הילף פון אומדערוואַרטע סיטואַציעס און פוענטעס, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער עלאַסטישקייט, ריינקייט און פאַרביקייט פון דער שפראַך — דאָס אַלץ האָט געגעבן אַזעלכע פערל פון דער הומאָריסטישער ליטעראַטור, ווי די דערציילונגען „דער דיקער און דער דאַרער" (1883), „די געהיימניספולע נאַטור", „כירורגיע" (1884), „די מאַסקע" (1884), „דער קאַפיטאַנסקער מונדיר" (1885).

מיט דער צייט אָבער באַקומט טשעכאָווס שאַפן נייע אַקצענטן: דער שרייבער הערט אויף אויפצונעמען בלויז די קאָמישע זייטן פונעם לעבן, ער נעמט שילדערן דאָס לעבן אין די אַלע פאָרמען, אין וועלכע עס אַנטפלעקט זיך, מיט אַלע זיינע שאָטנס, שלעכטס, רשעות, ליידן. דאָס שאַרפע אויג פונעם שרייבער זעט אַלץ מער בייז, מיאוסקייט, גרויל אין דער אַרומיקער וועלט. ער זעט שלעכטס, איבער וועלכן עס איז אוממעגלעך אריבערצוגיין צום טאָג־אָרדענונג, וועלכע עס איז אוממעגלעך אָפצופטרן מיט אַ שמייכל אָדער וויץ. טשעכאָווס העלד ווערט דער קליינער, פראָסטער, „גראָער" מענטש — דער אָרעמער אינטעליגענט, דער קליינער באַאַמטער, דער באַלעגאָלע, דער קרעמער, דער פויער, דער אָרעמער ייד, די אָרעמע דינסט־מויד, דער גזלן. די דאָזיקע געשטאַלטן — אַ חוץ די אינטעליגענטן, אין אַ געוויסער מאָס — האָבן פריער, פאַר טשעכאָוון, געלעבט אויפן ראַנד פון דער גרויסער ליטעראַטור, אויספירנדיק דאָרט די ראָל פון האַלבשטומע סטאַטיסטן. אַצינד טרעטן זיי אַרויס אין פולן ליכט און זיי נעמען רעדן.

מיר זעען זייערע דאגות, צרות און לײדן, מיר זעען זייער לעבן און זייערע מע=
שים, זייערע געדאַנקען און שטרעבונגען. זיי רעדן מיט אַ פּראָסטער, נישט גע=
שוילטער, אָפּט אומגעשיקטער שפּראַך, אָן פּאָעטישער מעטאַפאָרע, אָן רעטאָריק.
נישט זעלטן רעדן זיי אינגאַנצן נישט. אָבער זיי רירן אונדזערע הערצער, זיי רי=
רן אָן די געהיימנישפולסטע, צום טיפסטן פאַרבאָרגענע סטרונעס פון דער מענ=
טשלעכער נשמה, זיי צווינגען צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם לעבן און וועגן דער
וועלט. און דער לייענער זעט, אַז דאָס לעבן איז עפּעס שלעכט איינגעאָרדנט, אַז
צופיל איז אין אים פאַראַן טרערן און אומגליק, צו ווייניק פרייד און גליק.

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן נייעם פעריאָד פון טשעכאָווס שאַפן איז די
-ערציילונג „צער“, אָנגעשריבן אין יאָר 1885. די דאָזיקע קורצע דערציילונג
ווירקט אויף אונדז ווי אַ טראַגעדיע. דער טאָקער גריגאָרי פּעטראָוו, באַקאַנט אין
דער גאַנצער גאַלטשינער געמינע אַלס גלענצנדיקער פאַכמאַן און צוגלייך אַלס אַ
פּוסטער אַ הולטאַי, פירט זיין קראַנקע ווייב אין שפּיטאָל אַריין. אים שטייט נאָך
פאָר אַ וועג פון דרייסיק וויאָרסט, און דער וועג איז אַ געפערלעכער, ווינט און
שניי פּאַטשט אין פּנים אַריין. אין טאָקערס דמיון מאָלט זיך אויס אַ בילד, ווי
ער וועט ברענגען דאָס ווייב אין שפּיטאָל אַריין, און וואָס ער וועט זאָגן דעם דאָק=
טאָר, און ווי ער וועט, נאָך דעם, ווי מען וועט זי אויסהיילן, געבן דעם דאָקטאָר
אַ מתנה — אַ פּאַפּיראָסניצאַ פון טשעטשאָטקע. אָבער דער טאָקער עסט זיך אָפּ
דאָס האַרץ, אים פּייניקט דאָס געוויסן. פערציק יאָר האָט ער אָפּגעלעבט מיט זיין
ווייב און ער געדענקט נאָר, אַז במשך פון אָט די פערציק יאָר האָט ער בלויז גע=
שיכורט און געשלאָגן דאָס ווייב. און ער וויל איר איצט זאָגן, אַז ער איז נישט
אַזאַ שלעכטער, ווי עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן די גאַנצע פאַרגאַנגענע פער=
ציק יאָר, און אַז ער האָט נישט אויף דער וועלט קיין נעענטערן מענטש ווי זי.
דער טאָקער באַמערקט, אַז אויף איר פּנים טייעט שוין נישט דער שניי. און —
„....דער טאָקער וויינט... ער טראַכט, ווי אויף דער דאָזיקער וועלט גייט אַלץ
צו אַזוי שנעל. ערשט האָט זיך דער צער אָנגעהויבן און אָט רוקט זיך אָן אַ
אומגליק. ער האָט קוים באַוויזן אָפּצולעבן מיט דער אַלטער, אַראָפּצורעדן זיך
פאַר איר פון גאַנצן האַרצן, איר אָפּצוזשאַלעווען, און אָט האַלט זי ביי אָפּשטאַרבן.
ער האָט מיט איר אָפּגעלעבט פערציק יאָר, אָבער די דאָזיקע פערציק יאָר זענען
אַדורך ווי אין אַ נעפּל, אין שיכרות, און געשלעגן. אין דער נויט האָט זיך נישט
געפילט דאָס לעבן. און ווי צו להכעיס שטאַרבט די אַלטע הווקא דעמאָלט, ווען ער
דערפילט, אַז זי איז אים אַ שאָד, אַז ער קאָן אָן איר נישט לעבן, אַז ער האָט
זיך לגבי איר שרעקלעך פאַרשולדיקט“...

ער וואָלט וועלן אָנהייבן לעבן פונדאָסניי. אָבער אַ דערשלאָגענער און צע=
קלעמטער פאַרמאַכט ער די אויגן און דרימלט. ער וועקט זיך אויף אין שפּיטאָל
און ער פרעגט: „די הענט מיינע ווו זענען? די פיס?“

דער דאָקטאָר זאָגט צו אים:

— געזעגן זיך מיט די פּים און הענט... זיי זעגען ביי דיר אָפּגעפרוירן געוואָרן! נו, נו... וואָס ווייננסטו? ביסט דאָך שוין א מענטש אין די יאָרן, געלויבט צו גאָט! ביזט דאָך שוין אַ זעכציקער — גענוג!

— ס'איז דאָך אַ צער!... הויכגעבוירענער האַר, אַ צער אַזאַ! זאָל דער האַר גרויסמוטיק מוחל זיין! אָבער ס'ווילט זיך נאָך אָפּלעבן אַ פינף־זעקס יערעלער...

— צו וואָס?

—דאָס פערד איז אַ פרעמדס, מען דאַרף עס אָפּגעבן... און די אַלטע מיינע צו קבורה ברענגען... ווי שנעל דאָס אַלץ גייט צו אויף דער דאָזיקער וועלט. הויכגעבוירענער האַר מיינער! פּאַוועל איוואַניטש! דעם שענסטן פּאָרטסיגאַר פון קאַרעלישער טשעמטשאָטקע וועל איך מאַכן...

דער דאָקטאָר גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און גייט ארויס פונעם זאַל. און מיטן טאָקער איז... אויס.

· דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן האָט זיך דאָ אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגן, ווי אין אַ טאָג־בוך אָדער ראָמאַן.

דער באַקאַנטער סאָוויעטישער ליטעראַטור־קריטיקער וו. יערמילאָוו, א קענער פון טשעכאָווס שאַפן, שרייבט אַזוי וועגן דער דאָזיקער דערציילונג:

„טשעכאָווס עסטעטישער פּרינציפּ איז געווען, אַז דאָס טראַגישע און קאָמישע איז נישט אָפּצוטיילן איינס פונעם אַנדערן, אַז דאָס זענען אייגנטלעך צוויי זייטן פון דער זעלביקער לעבנס־דערשיינונג, וועלכע מען קאָן באַהאַנדלען סיי פון דער טראַגישער, סיי פון דער קאָמישער זייט. טראַכט אייך אַריין אינעם דיאַלאָג צווישן טאָקער און דאָקטאָר אין דער דערציילונג „דער צער". ווי אומבאַמערקט דער דאָזיקער דיאַלאָג פאַרוואַנדלט זיך פון אַ שמועס פון אַ חולה מיט אַ רופא אין אַ שמועס פון אַ מענטש מיט זיין גורל. וואָס, אין דער אמתן, וויל דער טאָקער פונעם דאָקטאָר? ער בעט, אַז מען זאָל אים „גרויסמוטיק מוחל זיין" אלע זיינע לעבנס־טעותים, לאָזן אים לעבן נאָך פינף־זעקס יערלעך, אָפּאַרבעטן. און דער דאָקטאָר, וואָס פאַרקערפּערט דאָ דעם גורל, פרעגט אים: „צו וואָס?" אַקוראַט ווי דער דאָקטאָר וואָלט געווען אימשטאַנד אַפילו ביים בעסטן ווילן צו דערפילן די בקשה פון אַ מענטש — אומצוקערן אים דאָס דורכגעלעבטע לעבן. די אַנטיילנעמער פון דעם דאָזיקן מאָדנעם שמועס קומט צומאָל נישט אין זין אַריין צו צווייפלען, צי דער דאָקטאָר האָט אַ רעכט מוחל צו זיין אָדער נישט מוחל צו זיין, אומצוקערן אָדער נישט אומצוקערן דאָס דורכגעלעבטע לעבן. און אויב איר וועט זיך אין דעם אַלעם אַריינטראַכטן, וועט איר זיכער אַ שמייכל טאָן. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער דאָזיקער שמייכל מיט פריילעכקייט?"...

אַזאַ איז טשעכאָווס טראַגישער הומאָר. דער ליטעראַטור־קריטיקער יערמילאָוו קומט צום פאָלגנדיקן אויספיר:

„אין דער ליטעראַטור איז ביז איצט נישט געווען אַן ענלעכע מיניאַטור־דערציילונג, וואָס זאָל זיין אַזוי רייך מיט אַ לעבנס־פילאָסאָפיש־קינסטלערישן אינהאַלט, ווו דאָס טראַגישע פלעכט זיך אריין אינעם קאָמישן, ווו אַלץ צווינגט אונדז צו טראַכטן וועגן לעבן, וועגן מענטש, וועגן זיך אַליין. צי פילט איר נישט, אַדורכלייענענדיק דעם „צער", די נייטיקייט צו זאָגן צו זיך און צו אייערע פריינד: „לאָמיר אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, ווי שנעל אַלץ געשעט אויף דער דאָזיקער וועלט". יאָ, דאָס לעבן איז נישט אייביק, ווי עס דוכט זיך אונדז, ווען מיר זענען יונג. טוט, טוט שנעלער דאָס, וואָס עס איז העל, מענטשלעך, וואָס איר קאָנט טאָן און אייער לעבן פאַר אַנדערע מענטשן, ווייל איר וועט נישט באַווייזן, ווי עס האָט נישט באוויזן דער אָרעמער טאָקער צו טאָן דאָס, וואָס עס וואָלט פאַרשענערט, פאַרמענטשלעכט זיין לעבן!"...

יאָ, נאָר טשעכאָוו פאַרמאָגט אַזאַ אומגעווייגלעכע פעיקייט קינסטלעריש צו דערהייבן דעם נישט אויסגעטראַכטן, טאָגטעגלעכן, דעם סאַמע פשוטסטן אינהאַלט צו דער מדרגה פון פאַראַלגעמיינערונגען, וואָס זענען נוגע די סאַמע וויכטיקסטע, פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען פון מענטשלעכן לעבן.

דער טאָקער פּעטראָוו איז שולדיק אין זיין לעבנס־מפּלה. אָבער טשעכאָוו באַווייזט, אַז ער איז אַ קרבן פון דער סביבה, פון די באַדינגונגען, אין וועלכע די מענטשן לעבן, פון דער געמיינהייט פונעם סאָציאַלן סיסטעם, פון דער גלייכגילטיקייט, פינצטערניש און אַמעראַצעס.

דער דאָזיקער מאָטיוו קלינגט אַלץ שטאַרקער אין טשעכאָווס שאַפן. אָט איז אין „דער יעגער" (1885) — יעגאָר וולאַסיטש, וואָס האָט צוליב אַ גראָבן ווייץ פונעם גראַף סערגיי אין אַ שיכורן צושטאַנד חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, וועלכע ער האָט נישט ליב. דעריבער איז יעגאָר, בעת ער האָט זיך אויסגעניכטערט, אַוועק מיט זיין וועג, און ער האָט איבערגעלאָזן זיין ווייב אויפן באַראָט פון גורל. ער האָט נישט קיין שום סענטימענט צו דער דאָזיקער פרוי, אים געפעלט אַן אַנדערע, ער האָט זיך צוגעוווינט צום פאָלוואַרק, ער האָט שוין דערשנאַפט דעם טעם פון אַ בעסער לעבן, און וואָלט פאַר קיין שום פרייז נישט געלעבט מער מיט איר. „וואָס איז ביי דיר פאַראַן אויפן דאָרף? — זאָגט ער טרעפנדיק זיך מיט זיין ווייב. — גויט, שטינקנדיקע גויט. ווען עס וואָלט, למשל, אַזאַ אוקאַז אַרויס, אַז איך מוז דווקא מיט דיר וווינען, וואָלט איך די כאַלופע אונטערגעצונדן, אָדער געפּרוווט זיך אומברענגען. פון קינדהייט אָן זיצט שוין אין מיר אָט אַזאַ פאַרשייטקייט".

זיין ווייב האָט אים ליב, אָבער איר ליבע צעברעכט זיך אָן זיין ווידערשטאַנד ווי אָן אַ פעלז. און דער דאָזיקער צושטאַנד דויערט שוין צוועלף יאָר

און וועט זיך נישט ענדערן, ביז איינער פון זיי ביידע וועט שטאַרבן. צוויי מענטשלעכע לעבנס זענען צעבראָכן.

אָט איז אַן אַנדער, אויך טראַגיש בילד, „אין געריכט“, געדרוקט אין יאָר 1886. אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זיצט אַ פּויער, וועמען מען וואַרפט פאָר, אַז ער האָט דערמאָרדעט זיין ווייב. ער איז זיך נישט מודה, אָבער קעגן אים רעדן ערנסטע חשדים. די אויספאָרשונג איז דורכגעפירט געוואָרן נאַכלעסיק, אָבער פאַרן באַשולדיקטן איז דאָס אַן ענין פון לעבן אָדער טויט. ער טרעפט אָבער אָן אויף אַן אייז־קאַלטער גלייכגילטיקייט. קיינער גלייבט אים נישט, קיינער וויל אים נישט אויסהערן. די ריכטער, דער פּראָקוראָר, דער אַדוואָקאַט — אַלע זענען פאַרטאָן אין די אייגענע מחשבות, זיי שמועסן צווישן זיך אויף געזעלשאַפטלעכע טעמעס, אָבער קוקן נישט צומאָל אויפן באַשולדיקטן און זעען נישט זיין טראַגעדיע.

„די מרה־שחורהדיקע פענצטער און ווענט, די שטים פון סעקרעטאַר, די פּאָזע פונעם פּראָקוראָר — אַלצדינג איז געווען דורכגעזאַפּט מיט קאַנצעליאַרישער גלייכגילטיקייט און האָט געאָטעמט מיט קעלט, גלייך ווי דער מערדער וואָלט געווען אַ פּשוטער ביוראָ־קעגנשטאַנד, אָדער ווי עס וואָלטן אים געמשפּט נישט קיין לעבעדיקע מענטשן, נאָר עפּעס אַן אומגעזעענע, גאָט ווייסט דורך וועמען אָנגעדרייטע, מאַשינקע“... דער פּויער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז „די מענטשן זענען דאָ צוגעוווינט צו לעבנס־דראַמעס און טראַגעדיעס, ווי מען געוויינט זיך צו אין שפּיטאָל צום אָנבליק פון טויט, אַז די דאָזיקע גאַנצע מאַכינאַנאַלע גלייכגילטיקייט אַנטהאַלט אין זיך די גאַנצע שרעק און האָפענונגסלאָזיקייט פון זיין סיטואַציע. עס האָט זיך געדוכט, אַז ווען דער באַשולדיקטער וואָלט אויפגעשטאַנען און גענומען וויינענדיק בעטן רחמים, ווען ער וואָלט זיך ביטער מתודה געווען, ווען ער וואָלט געשטאָרבן פון פאַרצווייפלונג — וואָלט דאָס אַלץ זיך צעבראָכן אָן די אָפּגעטעמפּטע נערוון און אין די אַמטלעכע געוווינהייטן, ווי אַ כוואַליע אָן אַ פעלז“...

אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק מאַכט דער פאַקט, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן בעתן פאַרהער, אַז דער קאָנוואָיענט פונעם באַשולדיקטן, וואָס היט אים דאָ, איז זיין אייגענער זון, וואָס דינט אין מיליטער...

דער מחבר דערמאָנט אפילו נישט וועגן געריכט־אורטייל. דער לעזער איז זיך משער, אַז דער באַשולדיקטער וועט ווערן באַשטראָפט און אומשולדיק באַשטראָפט.

זייער עמפּינדלעך אויף נויט און מענטשלעכע ליידן, ווייטיקט דער מחבר, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז אַזוי גלייכגילטיק צום דעם. אָט ווי דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער דערציילונג „דער אומעט“ (1886). ביי דעם אַלטן קוטשער יאָנאַ פּאָטאַפּאָוו איז געשטאָרבן דער זון. דער אַלטער, אַ צעבראָכענער

פּונעם וויטיק, וואָלט וועלן מיט עמעצן טיילן זיין צער, אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן און דערציילן כאָטש וועגן פאַרלויף פון דעם זונס קראַנק און טויט. ער וואָלט וועלן, אַז עמעץ זאָל אויף אים רחמנות האָבן, אים אויסדריקן מיטלייד. ער טרעפט אָבער אָן אויף אַן אייזיקער גלייכגילטיקייט. די פּאַסאַזשירן ווילן אים נישט הערן, חוזק פון אים, כעסן זיך, אַז ער פאָרט שלעכט. אויך זיינע קאָלעגן באַציען זיך צו אים נישט בעסער. ביינאַכט, נישט קאָנענדיק איינשלאָפן, גייט דער אַלטער דראָזשקאַזש אין שטאַל.

... — קיימסט? — פרעגט יאָנאַ זיין פערדל, זעענדיק יענעמס בלישטשעדיקע אויגן. — נו, קיי, קיי... אויב מיר האָבן אויף האָבער נישט אויסגעפאָרן, וועלן מיר עסן היי... יאָ... כ'בין שוין צו אַלט צו דער דאָזיקער פאָרעניש... דעם זונעניו וואָלט געפּאַסט צו פאָרן און נישט מיר... דאָס איז געווען אַ געבוירענער איזוואָשטשיק... ווען ער וואָלט נאָר געלעבט...

יאָנאַ שווייגט אַ ווײַלע און רעדט ווייטער:

— אָט אַזוי-אָ, קאָבילקע, אַזוי, ברודערל... נישטאָ שוין קוזמאַ יאָנישׁ... זיך איבערגעטראָגן אין דער אייביקייט... גענומען און אָפּגעשטאָרבן נישט גייטיק... אַצינדער, לאָמיר זאָגן, האָסטו אַ זשערעבעקל און ביסט דעם זשערעבעקלס לייבלעכע מאַמע... און פּלוצעם, לאָמיר זאָגן, נעמט דיר אָט דאָס דאָזיקע זשערעבעקל אָפּשטאַרבן... אַ רחמנות, נישט שוין זשע?...

די שקאַפּע מאַלעגייערט, האָרכט און סאָפּעט אויף דער האַנט פון איר באַלעבאָס... יאָנאַ צעפלאַמט זיך און דערציילט איר אַלצדינג...

דער לייענער, קאָן זיין, שמייכלט שוין ווידער, אָבער ווי וויטיקלעך איז דער דאָזיקער שמייכל. מאָדנע געפילן וועקט דאָס דאָזיקע קינסטלערישע בילד: אָט דער מענטש, וואָס קאָן אין אַ גרויסער שטאָט טיילן זיין עגמת-נפש נאָר מיט אַ פערד! דער טיפער הומאַניזם פונעם מחבר, זיין האַרציקע גוטסקייט רעדן אַרויס פון יעדן זאַץ אינעם בוך. דער שרייבער איז אַ גרויסער פריינד פון די ליידנדיקע, אַ פאַרטיידיקער פון די באַעוולטע און דערנידעריקטע. און זיי ווידמעט ער דאָס רוב דערציילונגען. ער קוקט אַריין אין די באַלמעלאָכישע וואַרשטאַטן, אין די שמאָלע, אָפּגעלאָזענע מאָסקווער הינטערגאַסן, אויף די בוידעמער, וווּ עס וווינען הונגעריקע סטודענטן, אין די פּראָקוראָרישע קאַבינעטן, אין די דאָרפישע כאַלופּעס.

אָט איז אַ 70-יעריקער זקן — דער מיעשטשאַנין מיכאַיל פּיעטראָוו זאָטאָוו, דער העלד פון דער דערציילונג „אויף קעסט“ (1886), וואָס פירט אַן עלנט לעבן אין אַ חרובֿדיקער הייזקע. ער באַשליסט אַוועקצופירן צום היצל זיינע איינציקע, ביים לעבן געבליבענע פריינד: די אַלטע, קוים זשיפּנדיקע שקאַפּע און דעם הונט, ווייל ער האָט זיי ביידן נישט וואָס צו געבן צו עסן. אָט איז „וואַנקאַ“ (1886), אַ ייִנגל, וועלכן מ'האָט געגעבן צום שוסטער אויף לער. גע-

גיסנדיק פֿון דער אָפּוועזנהייט פֿונעם מייסטער, שרייבט ער אַ בריוו צו זיין זיידן אין דאָרף, בעט אים רחמנות צו האָבן און אַהיימצונעמען, וואָרעם ער קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן פֿון הונגער און קלעפּ. ער ווייסט נישט, אַז דער בריוו וועט קיינמאָל נישט דערגיין צום אַדרעסאַט, ווייל ער האָט דעם בריוו נישט ריכטיק אַדרעסירט.

אָט איז וואַרקאַ פֿון דער דערציילונג „עס ווילט זיך שלאָפֿן“ (1888), אַ דרייצניעריק דינסט־מיידל, וואָס ווערט געשלאָגן, געטרופּט, וואָס גייט תמיד אַרום מיט רויטע אויגן פֿון נישט אויסשלאָפֿן זיך. זי האָרעוועט אַ גאַנצן טאָג און ביינאַכט מוז זי וויגן דאָס קינד. זי האָט האַלוצינאַציעס און אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד דערוואַרגט זי דאָס קינד און שלאָפֿט איין אין אָגמאַכט. אָט איז „אַניוטאַ“ (1886), אַ געפּרוּווירענע, הונגעריקע לעבט זי אויפֿן בויזעם־שטיבל מיטן „סטודענט מעדיצין פֿון דריטן קורס“, סטעפּאַן קלאָטשקאָוו, און טיילט זיך מיטן ביסן מיט אים, אַרבעטנדיק שווער ביי מענטשן, כדי אים אויסצוהאַלטן און צו דערמעגלעכן אים דאָס שטודיום. אָבער דער סטודענט סטעפּאַן קלאָטשקאָוו טראַכט וועגן דעם, אַז ווען ער וועט ווערן דאָקטאָר, וועט ער חתונה האָבן מיט „אַן אָרנטלעכער פֿרוי“, און ער באַשליסט פֿון איר פּטור צו ווערן. „דו פֿאַרשטייסט דאָך אַליין, מיין טייערע... זעץ זיך און האָרך זיך איין: מיר מוזן זיך פֿאַנאַנדערגיין. בקיצור — וווינען מיט דיר ווייטער האָב איך נישט ברעה“... און ער זוברעוועט ווייטער מעדיצין...

פֿאַר די אויגן פֿונעם טיף גערירטן לייענער גייט פֿאַרביי אַ קאַראַהאָד פֿון געשטאַלטן און בילדער, טרויעריקע און פֿריילעכע, טראַגישע און לעכערלעכע, פֿאַרשיידנאַרטיקע, פֿאַרביקע, ווי דאָס לעבן גופֿא.

דעם שרייבערס טעמאַטישע פֿאַראינטערעסירונגען האָבן זיך אויסגעברייטערט אין פֿאַרגלייך מיטן אָנהייב פֿון זיין שאַפֿן. דאָס איז געשטאַנען אין אַן ענגן שייכות מיט זיינע דעמאָלטיקע לעבנס־באַדינגונגען. טשעכאָוו האָט נאָכן פֿאַרענדיקן אין יאָר 1884 דעם אוניווערסיטעט פֿאַרבראַכט עטלעכע חדשים אין יאָר אין דער געגנט פֿון דער שטאָט וואָסקרעסיענסק (איצט איסטראַ) נעבן מאָסקווע, וווּ דער ברודער איוואַן פּאַוולאָוויטש איז געווען לערער. טשעכאָוו פֿלעגט צוזאַמען מיט דער משפּחה קומען צו פֿאָרן (ביזן יאָר 1887) אויף זומער־וווינונג אין גוט באַקינאָ. וואָסקרעסיענסק און באַקינאָ האָבן אָפּגעשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין לעבן און אין שאַפֿן פֿונעם מחבר.

טשעכאָוו איז נישט געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט אויף דער דאַטשע. אַ געוויסע צייט האָט ער פֿאַרגעפֿירט מיטן פּאָוויאַטאָוון היילאַנשטאַלט אין זוועניגאָראָד, פֿלעגט אויפֿנעמען קראַנקע אין שפּיטאָל, אַרויספֿאָרן אַלס עקספּערט אויף די אַרויספֿאָר־סעסיעס פֿונעם פּאָוויאַטאָוון געריכט. אויספֿירנדיק די דאָזיקע פֿונקציעס, האָט ער זיך באַקאָנט מיט אַ סך מענטשן און מיט זייער לעבן. ער האָט

יך געטראָפן מיט דאָקטוירים, ריכטער, פּראָקוראָרן, ארומיקער שליאכטע, מיליטער-לייט, לערער, גייסטלעכע און קודם כל איז ער געקומען אין באַרירונג מיטן אָרעמען פויער. דאָרפישע מאָטיוון נעמען זיך אַלץ אָפטער באַווייזן אין טשעכאָווס דערציילונגען. ער וועט דערנאָך אָנשרייבן אַ גאַנצן דאָרפישן ציקל („פויערים", „אין טאָל", „אַ נייע דאַטשע"). דערווייל זענען דאָס נאָך פאַרשידענע לויזע דערציילונגען. אָבער טשעכאָוו אידעאַליזירט נישט און זיי דעם פויער, ווי דאָס פלעגן טאָן די שרייבער-נאַראָדניקעס*. ער שטעלט פאָר דעם פויער אַזוי, ווי ער איז געווען: פינצטער און פאַרחושכט. קיינער פון טשעכאָווס לייענער האָט נישט צוליב דעם קיין טענות צום מחבר, וואָרעם עס איז קאָנטיק, אַז די גאַנצע סימפּאַטיע פונעם שרייבער איז אויף דער זייט פון די דאָזיקע נישט געבילדעטע, פּראָסטע מענטשן. אפילו ווען זיי טוען עפּעס שלעכטס, פילט זיך, אַז דער מחבר באַשיצט זיי, ווייל נישט זיי זענען שולדיק, נאָר די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס האָט נישט באַוויזן זיי צו פאַרזיכערן מענטשלעכע באַדינגונגען פון לעבן און בילדונג.

צווישן די יאָרן 1885 און 1886 ווערט ביי טשעכאָוון רייף דער געדאַנק, אַז זיין אייגנטלעכער באַרוף איז נישט מעדיצין, נאָר ליטעראַטור. אין יאָר 1888 הערט ער ענדגילטיק אויף צו שרייבן אין די הומאָריסטישע בלעטער, וואָס זייערע ענגע ראַמען הייבן אָן צו קרעמפּירן. אין דעם זעלבן יאָר דערשיינט זיין ערשטע גרעסערע דערציילונג — „דער סטעפּ".

טשעכאָווס טאַלאַנט פון אַ קינסטלער, וואָס קאָן מיט ווערטער פּראַכטפול מאָלן די רוסישע נאַטור און איר גאַנצער פאַרכליפּנדיקער שיינקייט, האָט דאָ דערגרייכט די העכסטע הייכן. ער האָט געשאַפן אַ וווּנדער-שיין ווערק, פּלאַסטיש, און אַזוי גלייכצייטיק מאָלעריש, אַז דעם שרייבערס נאָענטער פריינד, דער גלענצנדיקער רוסישער מאָלער י. לעוויטאַן, האָט נאָכן דורכליינען דעם „סטעפּ" געזאָגט צו אים: „דו האָסט מיך באַזיגט אַלס פּייזאַזשיסט".

טשעכאָוון איז דער סטעפּ געווען נאָענט און ליב פון קינדהייט אָן, אָבער איידער ער האָט גענומען שרייבן זיין דערציילונג, האָט ער פרילינג 1887 אונטערגענומען אַ ספּעציעלע רייזע, כדי דעם סטעפּ צו זען נאָכאַמאָל און אָפּצופרישן דעם איינדרוק פון זיין שיינקייט. „כדי נישט איינגעדאַרט צו ווערן, — האָט ער געשריבן צו זיין פריינד דעם 10-טן פעברואַר 1887, — וועל איך סוף מערץ

* „נאַראָדניקעס" — אָנהענגער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" — אַ פּאַרטיי פון דער קליינבירגערלעך-בורזשואַזער אינטעליגענץ, וואָס האָט געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט העלפט 19-טן יאָרהונדערט. אָבער אידעאַליזירנדיק די פויערישע „געמיינדע", ליקווידירנדיק די אָנפירנדיקע ראָל פונעם אַרבעטער-קלאַס און פאַרקענענדיק דעם מאַרקסיזם, האָט זי גענומען שפּילן אַלץ מער אַ רעאַקציאָנערע ראָל אין רוסלאַנד.

פאָרן אויף הרום, אין דאָנער געביט און וואָראָנעזשער גובערניע. א. א. וו., ווי איך וועל באַגעגענען דעם פרילינג און אויספרישן אין מיין זכרון דאָס אַלץ, וואָס עס האָט שוין געגומען אויסטריקענען. דעמלט, גלייב איך, וועט די אַרבעט אַוועק געשיקטער"... ער האָט נישט קיין טעות געהאַט — די גייע אַרבעט איז נישט נאָר „אַוועק געשיקטער", נאָר געבראַכט אַ שעדעוור פון דער רוסישער קלאַסיק.

צוזאַמען מיטן הויפּט=העלד פון דער דערציילונג, דעם 9=יעריקן ייִנגל יעגאָרושקאָ, מאַכן מיר דורך אַ נסיעה איבער אומגעהויערע פליינען, וואָס אָטעמען הייס אונטער די ברענענדיקע זון=שטראַלן. יעגאָרושקאַ פאָרט אונטער דער השגחה פונעם סוחר איוואַן איוואַניטש קוזמיטשאָוו און פאָטערל כריסטאָפאָר אין גימנאַזיע. עס אַנטפּלעקן זיך פאַר אים בילדער פון פאַרבליפנדיקער שיינקייט און גרויל...

אומענדלעך זון ווי פאַרבענקט זעען אויס אין סטעפּ די צעברענטע ברוין=גרינגע, פונדערווייטנס ליליע=קאָלירטע בערגלעך, מיט רואיקע שאָטן=טענער. דער פליין איז פאַרנעפּלט און דער הימל דוכט זיך אויס אינעם סטעפּ, ווו עס זענען נישטאָ קיין וועלדער און נישט קיין הויכע בערג, זייער טיף און ווי דורכזיכטיק... איבער דער ערד קרייזט אַ קאָרשון, שלעפעריק פליען דורך וואָראָנעס, טיילמאָל רייסט אויף פון דער ערד אַ סטאַדע קוראָפּאַטוועס... אין גראָז שעפּטשען זיך טוסליקעס, ערגעץ ווייט וויינען טשייקעס... נישט זעלטן גיט אַ בלישטש אינעם טיפן גראָז אַ ווייסער שאַרבן אָדער אַ שטייגערנע פיגור — שפּורן פון אַלטע, פאַרגעסענע צייטן. און אָט איז אַ טייכל, וואָס שורשעט צווישן די גראָזן, נעבן אים אַ קלייגער כוטאָר, פונוואַנען עס דערגייט אַ שטיל געזאַנג, אַזוי טרויעריק און פאַראומערט, אַז עס איז ענלעך צו אַ געוויין... און ווידער שטילקייט. די זון פאַרגייט אין ליליע=פאַרבן. דער סטעפּ פאַרגעסט זיינע טעגלעכע זאָרגן און אָטעמט אָפּ מיט אַ פולער ברוסט...

פונעם גראָז רופן זיך אָפּ שטימען. עס דערהערט זיך אַ טראַסק, אַ פייף, אַ צווישטשערן. סטעפּישע באַסן, טענאָרן און דיסקאַנטן. אַלץ אינייגעם מישט זיך אויס אין אַן אומאויפהערלעכן גערודער, ביי וועלכן עס איז אָבער גוט צו בענקען און צו דערמאָנען זיך... עס שמעקט דער היי, דאָס אויסגעטרוקנטע גראָז, די בלומען... און דאַן קומט ווידער אַ הייסער טאָג, און ווידער קומט אָן די נאַכט און דער שטורעם. און אַ בליץ העלט אויף דעם סטעפּ...

און אָט רוקט אָן אַ שוואַרצע כמאַרע. פון אירע ברעגעס הענגען אַראָפּ גרויסע שוואַרצע טראַנטעס. ענלעכע טראַנטעס הויבן זיך אויף דער לינקער און רעכטער זייט פונעם האָריזאָנט. עס גרעמט יאָגן אַ ווינט. אַ שטורעם אין סטעפּ. דער הימל שפּאַלט זיך און שפּייט מיט פייער... און ווידער איז טאָג. דער וועג פירט איבער אומענדלעכע שטחים. נישט קיין פּשוטער וועג איז עס — דאָס איז אַ וועג אַ גרויער, מיט שטויב באַדעקטער, צענדליקער אַרשין די ברייט. דער סטעפּ מאַכט

נישתומם מיט זיין רחבות און ס'דוכט זיך, ווי ער אליין וואָלט שטעלן א פראגע: ווער פאָרט עס מיט דעם דאָזיקן וועג? ווער דארף עס האָבן אָט אזא ריזיקן שטח? עס קאָן זיך דוכטן, אז אין רוסלאנד לעבן נאָך לעגענדארע העלדן, מענטשן פון אומגעהויערן וווקס, ווי, למשל, איליא מוראָמיעץ אָדער סאָלאָוויי־ראָזבאָיניק... די דאָזיקע געשטאלטן וואָלטן דאָ זייער געפּאסט פאר דעם דאָזיקן סטעפּ און וועג, אויב זיי וואָלטן עקזיסטירט... אָבער נישט פאראן שוין קיין לעגענדארע סטעפּ־מושלים, זיי לעבן נאָר אין די פאָלקס־מעשהלעך און לעגענדעס. ווער זשע איז פאָרט דער סטעפּ־רעגירער? פאר וועמענס גוטן ציען זיך דאָ די קאראוואנען פון וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט וואָל? פאר וועמען מאטערן זיך אזוי די באלע־גאָלעס? פאר וועמען בוקן זיך דאָ און קניען די סוחרים? און פאַר וועמען צי־טערט דאָ אפילו דער הייליקער פאָטער כריסטאָפאָר? וועמען זוכט עס אין סטעפּ מיט אזא אומגעדולד די יונגע און רייכע גרעפין בראניצקאַ? אָט דער דאָזיקער „ווער“ דערמאָנט מיט קיין שום זאַך נישט די אמאָליקע העלדן. דאָס איז אַ קליינ־וווקסיקער, גרויער מענטש, מיט אַ גרוי בערדל און אַ רויט פּנים, באַדעקט מיט בלוי־טונקעלע אָדערן. דאָס איז דער קאפּיטאליסט ווארלאמאָוו. ער האָט געלט. און דערפאַר געהערט דער סטעפּ צו אים! ...

אויף די דאָזיקע פרייע שטחים האָט שוין דער קאפּיטאליזם געשטעלט זיין הארטן פוסטראָט, עס אַנטשטייען דאָ אויך נייע סאָציאַלע פאַרהעלטעניש.

טרעפלעך קלערט דעם ענין אויף פאר די אָנגעקומענע געסט דעם יידישן קרעטשמערס ברודער — שלמה: „איך בין א משרת ביי מיין ברודער, מיין ברו־דער איז א משרת ביי די רייזענדע, די רייזענדע זענען משרתים ביי ווארלאמאָוון, און אויב איך וואָלט האָבן צען מיליאָן, וואָלט ווארלאמאָוו געווען מיין משרת“...

שלמה איז איינע פון די אינטערעסאנטסטע געשטאלטן אין „סטעפּ“. א מאָד־נער ייד — מען האלט אים פאר א חסר־דעה, ווייל ער האָט פארברענט די גאנצע באקומענע ירושה, זעקס טויזנט רובל — א פארמעגן אין יענע צייטן! — און אָט איז ער איצט א „משרת“ ביי זיין ברודער אין דער קרעטשמע. ער לעבט אין עלנט און האָט פיינט די רייכקייט און די פּריווילעגיעס, וועלכע די אפּויטיקע פאר־זיכערט געוויסע מענטשן, און די דערנידעריקונג, וואָס זי ברענגט פאר אנדערע מענטשן. ער אומפּאָגירט מיט זיין זעלבסט־ווירדע. בעת די רייזענדע זענען אויפ־געבראכט, אז ער וואגט צו פארגלייכן זיך מיט ווארלאמאָוון, ענטפערט שלמה:

„— איך בין נאָך נישט אזא טפש, אז איך זאָל זיך פארגלייכן מיט ווארלא־מאָוון... ווארלאמאָוו גיט אוועק זיין גאנץ לעבן פאר געלט און פראָפיט, און איך האָב מיין געלט פארברענט אין אויוון — איך דארף נישט צו האָבן נישט קיין געלט, נישט קיין ערד, נישט קיין שעפסן, און איך דארף נישט, אז מען זאָל פאר מיר מורא האָבן, אז מען זאָל אראָפנעמען דאָס היטל, בעת איך פאָר דורך... דאָס הייסט, אז איך בין קלוגער פאר אייער ווארלאמאָוון און ענלעכער צו א מענטש!“...

נישט קיין סך װעגן פֿאַראַן אין דער װעלט־ליטעראַטור בײַשפּילן, אַז אַ שרײַבער זאָל אין אַזעלכע קורצע װערטער כאַראַקטעריזירן דעם עטישן באַגעם און די געפֿילן־װעלט פֿון אַ פּשוטן ייִדישן פֿאָלקסמענטש.

אין „סטעפּ“ טרעפֿן מיר אויך אַנדערע מענטשן, װעלכע האָבן נישט, װאָס אַן אמת, אַזױפֿיל צײַט אויף נאָכטראַכטן װי שלמה, אָבער װאָס װאָלטן זיך זיכער נישט אָפּגעגרענעצט פֿון שלמהס װערטער. דער מחבר װײַזט אונדז אַ גאַנצע גאַלעריע אַזעלכע געשטאַלטן — רוסישע פּויערים־באַלעגאָלעס. צום בולטסטן איז אָנגעצייכנט דער אַמאָליקער פֿאַבריק־אַרבעטער װאַסיאַ, װאָס האָט געמוזט צוליב קראַנקהייט פֿאַרלאָזן די פֿאַבריק־אַרבעט, און דער יונגער אַטלעטיש־שטאַרקער באַלעגאָלע דימאָװ. זיי רעדן נישט קיין סך. נאָר דער זיפֿץ, װאָס רײַסט זיך אַרויס פֿון איינעם פֿון זיי: „אונדזער פֿאַרשאָלטן, אומרויִקדיק לעבן“ — איז אַ סימן, אַז נישט נאָר שלמה האָט פֿײַנט דעם נײַעם מאַכטהאַבער פֿונעם סטעפּ... די דאָזיקע זיפֿצן זענען, װי שלמהס װערטער, דער ערשטער, קוים דערזעבאַרער סימפּטאָם פֿון אַ שטורעם, װאָס דערנענטערט זיך דאָרט ערגעץ אין דעם צײַט־רוים, אַן אָנזאָג פֿון אַ געװיטער, װאָס רוקט זיך אָן און װעט דורכאַקערן דעם גאַנצן סטעפּ און דאָס גאַנצע אַרומיקע לעבן...

װי דערמאָנט, האָבן אין דער דערציילונג געפֿונען אַן אויסדרוק טשעכאָװס יוגנט־דערינערונגען. כאָטש ער האָט די סטעפּ־נסיעה אונטערגענומען מיט גרויס פֿרייד, איז ער פֿונדעסטװעגן נישט געװען זיכער, צי ער װעט זיך מיט דער טעמע אַן עצה געבן. דעם 19־טן יאַנואַר 1888 האָט טשעכאָװ געשריבן צום באַקאַנטן שריפֿטשטעלער קאָראָלענקאָ, אַז האָרכנדיק זײַן פֿרײַנדלעכע עצה, האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן אַ „קליינע דערציילונג“ װעגן סטעפּ פֿאַרן „סיעװערני װיעסטניק“, און די דערציילונג „שרײַבט זיך אים פֿריילעך“, װאָרעם „די טעמע איז אַ גוטע“, אָבער „צום אומגליק, מחמת געװוינהייט נישט צו שרײַבן צו ברייט און צוליב שרעק נישט צו שרײַבן עפּעס איבעריקס“, איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ צװייטן עקסטרעם, און „יעדעס זײַטל איז עקזאַקט װי אַ קליינע דערציילונג, די בילדער הויפֿן זיך אָן, עס װערט זיי ענג“... טשעכאָװ האָט געציטערט, אַז די דאָזיקע דערציילונג װעט דעם לייענער נישט געפֿעלן. צו זײַן פֿרײַנד דעם פּובליציסט א. לאַזאַריעװ־גרוזינסקי האָט ער געשריבן: „אויף מײַן „סטעפּ“ האָב איך געפּטרט אַ סך זאַפֿט, ענערגיע און פֿאָספֿאָר, כ'האָב געשריבן אין שפּאַנונג, זיך אָנגעשטרענגט, אויסגעפּרעסט פֿון זיך אַלצדינג און אויסערגעװײנלעך זיך פֿאַרמאַטערט. צי די דאָזיקע דערציילונג איז מיר געלונגען צי נישט — װייס איך נישט, אָבער אַלנפֿאַלס איז דאָס מײַן שעדעװר, בעסער שרײַבן קען איך נישט“...

פון אַ בריוו, וועלכן דער זון פונעם באַקאַנטן דיכטער פּלעשטשעיעוו האָט געשריבן צו טשעכאָוו, דערוויסן מיר זיך, וויאַזוי עס האָבן רעאַגירט אויפן „סטעפּ“ די בעסטע מענטשן פון דער עפּאָכע:

„...מיין פאָטער איז געווען ביי סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, — שרייבט פּלעשטשעיעוו, — וועלכער איז מיטן „סטעפּ“ אַנטציקט. „דאָס איז פּרעכטיק“ — האָט ער געזאָגט צו מיין פאָטער, און בכלל ליגט ער אויף אייך גרויסע האָפענונגען. דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז ער (סאַלטיקאָוו־שטשעדרין) רימט זעלטן עמעצן פון די נייע שרייבער, אָבער פון אייך איז ער אַנטציקט“...

די דערציילונג איז אַלעמען זייער געפעלן געוואָרן, כאָטש טשעכאָווס שונאים האָבן אויך דאָס מאָל ארויסגערוקט בלעריי „באוואָרעניש“. טשעכאָוו האָט גישט געהאַט מיט זיי קיין לייבט לעבן...

אין קאַמף פאַר דער „אַלגעמיינער אידעע"

באַשליסנדיק זיך צו ווידמען דער ליטעראַרישער טעטיקייט, האָט טשעכאָוו לחלוטין נישט געטראַכט וועגן רום און דערפאָלג. ער האָט געוואָלט נוצן ברענגען דער געזעלשאַפט, זי לערנען, איר אָנווייזן נייע וועגן פון קולטורעלער אַנטוויקלונג. דער שרייבער האָט עקשנותדיק געשטרעבט אויסצואַרבעטן אַן אייגענע, גענוי באַשטימטע וועלט-אָנשויונג, אַן „אַלגעמיינע אידעע", ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. ער האָט זיך געפילט זייער פאַראַנטוואָרטלעך צוליבן פאַקט, וואָס ער פאַרמאָגט טאַלאַנט. ער האָט זיך זייער איבערגענומען דערמיט, אַז האָבנדיק די פעיקייט צו באַווירקן די מענטשלעכע נשמות און זיי צו געשטאַלטיקן, איז ער אימשטאַנד אויפצוטאָן אַ סך גוטס, אָבער אויך אָנצומאַכן אַ סך שאָדן. די שפּורן פון באַטראַכטונגען דערוועגן געפינען מיר אין דער דערציילונג „אין דער היים" (1887), וועמענס העלד יעווגעני פּיעטראָוויטש ביקאָווסקי, פּראָקוראָר פון קרייז-געריכט, ווייסט נישט, ווי אויפצוקלערן די פּשוטסטע זאַכן זיין 7-יעריק קינד און ער פאַרקלערט זיך, „ווי ווייניק עס איז נאָך פאַראַן שׂכל, אמת און איבערצייגונג אין אַזעלכע פאַראַנטוואָרטלעכע און שרעקלעכע געביטן אין הינזיכט פון רעזולטאַטן, ווי פּעדאַגאָגיק, רעכטסוויסנשאַפט, ליטעראַטור"...

טשעכאָוו האָט אָפיציעל נישט געהערט צו קיין איינער פון די פּאָליטישע ריכטונגען פון זיין צייט. ער האָט געפילט אַ דעצידירטן אומווילן צו דער לעגאַלער פּאָליטישער טעטיקייט אין די באַדינגונגען פון צאַרישער זעלבסטהערשאַפט, אָבער ער האָט אויך נישט געזוכט קיין דערנענטערונג צום מאַרקסיסטישן אונטערערד, דעמלט, ווען ער האָט דערצו געהאַט אַלע מעגלעכקייטן. טראָץ זיין פילבאַרקייט האָט ער נישט באַוויזן אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון דער ראָזיקער באַוועגונג. ער האָט נישט פאַרטראָגן די ליבעראַל-נאַראָדניקישע אויפגעבלאָזענע פראַזעאָלאָגיע, האַלטנדיק זי פאַר אַ פוסטן צייט-פאַרטרייב, וואָס קען נישט דערפירן צו קיין שום רעזולטאַטן, אָבער ער האָט נאָך אַ לאַנגע צייט נישט געגלייבט אין דער אויפקומענדיקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג.

פּוגראַנען האָט געשטאַמט אַזאַ פּאַר יענע צייטן נישט זעלטענער פּאַקט, אַז טשעכאָוו האָט אַ געוויסע צייט געדרוקט זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן אין דעם רעדאַקציאָנער „נאָוואָיע וורעמיאַ“, וואָס מיטן רעדאַקטאָר, דעם שרייפטשטעלער סוואָרין, האָט אים געבונדן אַ פּערזענלעכע פריינדשאַפט.

אין זיין שאַפונג האָט ער פונדעסטוועגן אָנגעבונדן צו די דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פון דער רוסישער ליטעראַטור פון די פערציקער און זעכציקער יאָרן.

טשעכאָווס אומווילן צו די נאַראָדניקעס און ליבעראַלן האָט פאַרטיפערט די אומגערעכטע קריטיק פון זיינע ווערק דורך די פּרעסע־אָרגאַנען פון די דאָזיקע גרופּירונגען. אָבער צוליבן גרויסן דערפאָלג פון טשעכאָווס ווערק האָט די קריטיק געמוזט אים „אָנערקענען“ אַלס שרייבער. אין יאָר 1888 האָט אַפילו די אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן אים צוגעטיילט דעם פּושקין־פּריז פאַר א זאַמלונג דערציילונגען, פעסטשטעלנדיק, אַז זיי צייכענען זיך אויס מיטן „העכסטן קינסטלערישן ניוואָ“. די קריטיקער זענען געווען אַנטציקט פון טשעכאָווס שפּראַך־שיינקייט, פון זיינע נאַטור־באַשרייבונגען, פון דער פּלאַסטישקייט און פאַרביקייט פון זיינע געשטאַלטן און פון זייער פּסיכאָלאָגישער פאַרטיפטקייט. דאָ פלעגן זיך שוין ענדיקן די שבחים און עס פלעגן זיך נעמען שיטן פאָרווורפן. די רעאַקציע האָט געהאַלטן, אַז דער יונגער אויטאָר שטעלט פאַר די רוסישע ווירקלעכקייט אין אַ קרומען שפּיגל. דעם נייעם מאָטיוו אין טשעכאָווס ווערק האָבן זיי אויפגענומען שיר נישט ווי א פאַרזענלעכע פאַר זיי באַליידיקונג. „כ'געדענק דעם זויערן שמייכל פון די אין דער פאָררעוואָלוציאָנערער צייט פּיליסטערס, — שרייבט גאָרקי, — ווען דער מענטש, וואָס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט צו זיין אַ לץ, האָט גענומען מיט אַ ווייכער האַנט, אָבער אומרחמנותדיק דעמאַסקירן די טריוויאַלישקייט און טפּשות פון זייער לעבן...“

פון דער צווייטער זייט פלעגן טשעכאָוון אָנגרייפן די ליבעראַלן און נאַראָדניקעס צוליבן כלומרשטן מאַנגל פון אידעאַלן אין זיין שאַפן. אַזעלכע פאָרווורפן פלעגן זיי נאָך מאַכן אַפילו נאָך דעם, ווי עס זענען שוין דערשינען אַזעלכע אויסגעשפּראָכן אַנטיצאַרישע ווערק, מיט אַזאַ סאַטירישער שאַרפקייט, ווי דער „כאַמעלעאָן“ אָדער „דער אונטעראָפיציר פּרישיביעיעוו“, אָדער ווערק, וואָס זענען אַזוי אויסגעפילט מיט אַ הומאַניסטיש־סאָציאַלן אינהאַלט, ווי „דער צער“, „דער יעגער“, „אַניוטאַ“ א. ד. גל.

דער פירער פון די נאַראָדניקעס מיכאַילאָווסקי האָט געשריבן:

...„הער טשעכאָוו איז ביז איצט דער איינציקער, באמת טאַלאַנטירטער בעלעטריסט פון יענעם ליטעראַרישן דור, וואָס קען וועגן זיך זאָגן, אַז פאַר אים עקזיסטירט בלויז די ווירקלעכקייט, אין וועלכער עס קומט אויס צו לעבן, און אַז «די אידעאַלן פון די אָבות און זיידעס האָבן נישט איבער אים קיין שליטה»...

הער טשעכאָוו לעבט נישט אַליין אין זיינע ווערק, ער שפּאַצירט זיך נאָר אַזוי דורך נעבן דעם לעבן און שפּאַצירנדיק כאַפּט ער אויף דאָס און יענץ. פאַרוואָס דאָס און נישט יענץ? עס שאָקירט די פּראָסטקייט פונעם אָפּקלייב פון טעמעס ביים הער טשעכאָוו. מען פירט מיטן צוג בהמות צו דער שחיטה, הער טשעכאָוו פאַראינטערעסירט זיך דערמיט און שרייבט אַ דערציילונג א. נ. „קאַלט בלוט"... מען פירט די פּאָסט און אויפן וועג פאַלט דער וואַגאָן אַריין אין אַ ראָוו, דער פּאָטשטאַליאָן פאַלט אַרויס און בייזערט זיך — איז אָט אַ דערציילונג „די פּאָסט". און אין איין ריי דערמיט נאָט אייך „שלאָפן ווילט זיך", אַ דערציילונג וועגן דעם, ווי אַ דרייצניעריק מיידל וואַרקאַ, וואָס דינט ביי אַ שוסטער, וואָס האָט נישט קיין רגע מנוחה, דערהרגעט אַ קינד, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אויף איר השגחה, דערפאַר, ווייל דאָס קינד שטערט איר צו שלאָפן. און ער דערציילט וועגן דעם אַלעם מיט דעם זעלבן טאָן, מיט די זעלבע אָנגענעמע גלעקעלעך און פּייקעלער, מיט דעם זעלבן „קאַלטן בלוט", ווי וועגן די אָקסן און וועגן דער פּאָסט, וואָס איז אַרויס פון איין סטאַנציע און איז געקומען צו פאָרן אויף אַ צווייטע... דעם הער טשעכאָוו איז נישט קיין חילוק: דער מענטש, צי זיין שאָטן; דאָס גלעקעלע, צי דער זעלבסטמערדער"...

אין זעלביקן גייסט, נאָר אויף אַ מער גראָבן אופן האָט וועגן טשעכאָוון געשריבן דער ליבעראַל סקאַביטשעווסקי, צורעכענענדיק אים צו די שרייבער, „וואָס וועלן שטאַרבן אין פאַרגעסנקייט, הינטער אַ פּלויט"...

די אַטאַקעס פון די ליבעראַלן און נאַראָדניקעס אויף טשעכאָוון האָרף מען צושרייבן נישט נאָר זייער שנאה צום שרייבער, דערפאַר וואָס ער האָט זיך געהאַלטן ווייט פון זייער לאַגער, נאָר אויך זייער קוק אויף דער ליטעראַטור. די קריטיקער פון די דאָזיקע ריכטונגען זענען געוווינט געווען צו ליטעראַרישע מיטלמעסיקייטן, וואָס באַווירקן דעם לייענער נישט מיטן קינסטלערישן בילד, נאָר מיט פּובליציסטישע קאָמענטאַרן און אויפגעבלאָזענע פּאָליטישע דעקלאַראַציעס. דאָס איז ביי טשעכאָוון נישט געווען. ער איז געווען ווייט פונעם פּובליציסטישן אַלץ „אַרויסלייגן אויפן טעלער", פון פּובליציסטישער מליצה. און דאָס טאַקע האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין די ליבעראַל-נאַראָדניקישע קריטיקער.

דער רום און די פּאָפּולאַריטעט פון טשעכאָוון אין דער רוסישער געזעלשאַפט איז אָבער כסדר געוואַקסן. טשעכאָוו איז ביי אַלעמען אויף די ליפּן. אָבער ער אַליין איז פון זיך נישט צופרידן... אין זיינע בריוו לייענען מיר זייער כאַראַקטעריסטישע זאַצן: „אויפריכטיק גערעדט, האָב איך נאָך צומאָל נישט אָנגעהויבן מיין ליטעראַרישע טעטיקייט, כאָטש כ'האָב באַקומען אַ פּריז"... „אפשר איז נאָך צו פרי זיך צו באַקלאָגן, אָבער ס'איז קיינמאָל נישט צו פרי צו פרעגן זיך, צי איך טו אַ נוצלעכע זאַך, צי אַן אומנויטיקע?"...

באַגלייך מיטן וווקס און אויסצייטיקן פֿון זיין טאַלאַנט האָט טשעכאָוו זיך אָפּגעגעבן א חשבון פֿון די סתירות און אומקלאָרקייטן פֿון זיין וועלט־אָנשויונג. צום סוף אַכציקער און אָנהייב נײַנציקער יאָרן האָט ער זיך מיט אַ באַזונדערער שאַרפֿקייט אָפּגעגעבן וועגן דעם א חשבון און אַנאַליזירט זיין שאַפֿן. באַזונדערס פּײַנלעך זענען געווען זיינע ספֿיקות בנוגע די מאָראַלישע צילן פֿון שאַפֿונגס־מי, ספֿיקות, וואָס האָבן אים גענומען עגבערן אקוראַט דעמלט, ווען ער איז געוואָרן באַרימט.

טשעכאָוו פֿאַרשטייט, אַז דער שרייבער דאַרף נישט בלויז דערווייזן, אַז די ווירקלעכקייט איז שלעכט און אָפּשטויסנדיק, אַז מען דאַרף זי ענדערן, נאָר אויך ווייזן, וואָס מען דאַרף טאָן, כדי זי צו ענדערן.

אין איינעם פֿון זיינע בריוו פֿון אָנהייב נײַנציקער יאָרן לייענען מיר: „פֿאַרטראַכט אייך, אַז די שרייבער, וועלכע מיר האַלטן פֿאַר אומשטערבלעכע אָדער פֿאַר פּשוט גוטע, וואָס פֿאַרשיכורן אונדז, האָבן איין שותּפֿותדיקע און זייער וויכטיקע אייגנשאַפֿט: זיי שטרעבן ערגעצוו, און זיי פֿירן אונדז אַהינצו, און עס פֿילט זיך, נישט מיטן שׂכל, נאָר מיט אונדזער גאַנצן מהות, אַז זיי האָבן עפּעס אַ ציל, ווי דער גייסט פֿון האַמלעטס פֿאָטער, וואָס פֿלעגט נישט אומזיסט קומען און שרעקן אונדזער המיון... די בעסטע פֿון זיי זענען רעאַליסטן און זיי באַשרייבן דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז, אָבער מחמת יעדער זייער פֿערז איז ווי דורכגעזאַפּט מיטן באַוווסטזיין פֿון ציל, פֿילן מיר דאָס דאָזיקע לעבן נישט נאָר אַזאַ ווי עס איז, נאָר ווי עס דאַרף צו זיין, און דאָס באַצויבערט אונדז. און מיר? מיר! מיר באַשרייבן דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז, און ווייטער — גייט עס נישט... ווייטער, כאָטש נעם און דערלאַנג אונדז מיט דער בייטש... מיר האָבן קיין שום נאָענטסטע און נישט קיין ווייטסטע צילן, און אין אונדזער האַרץ הערשט אַ פֿולשטענדיקע פּוסטקייט...“

ווי עס דרינגט פֿון דעם אויבנציטירטן, האָט טשעכאָוו צו שאַרף אָפּגעשאַצט זיין אייגן שאַפֿן, צו קריטיש געקוקט אויף זיין אייגענער אַרבעט, און פּשוט צוליב באַשיידנקייט באַנוצט די ווערטער „מיר“, רעדנדיק וועגן די שרייבער־מיטצייטלער. עס אונטערליגט נישט קיין ספֿק, אַז זיינע ווערק האָבן אַנטהאַלטן געדאַנקען און בילדער, וואָס באַווייזן, אַז דער מחבר האָט גאַנץ באַשטימטע צילן און שטרעבונגען, אַז ער פֿירט ערגעצוו דעם לייענער, וועקנדיק אין אים האַס צום דעספּאָטיזם און טריוויאַלישקייט, שׂנאה צו אומרעכט און צו די נישט גערעכטע סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן און ליבע צו יושר, שיינקייט און גוטס.

טשעכאָוו האָט אויסגעשטאַלטיקט זיין וועלט־אָנשויונג ווי אַ פּראָגרעסיווע, דעמאָקראַטישע און מאַטעריאַליסטישע. ער האָט אָבער נישט באַוויזן צו באַשטימען אַ קלאָרן פּראָגראַם. טשעכאָוו האָט אויף דער פֿראַגע, „וואָס דאַרף מען טאָן“, קיין תּשובֿה נישט געגעבן, אָבער ער האָט געשטרעבט צו לעזן

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אין די קאָנקרעטע היסטאָרישע באַדינגונגען. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ לעבן אָן „אַן אַלגעמיינער אידעע" איז נישט קיין לעבן, נאָר אַן אומזין און אַ מאַטערניש.

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם האָט דער שרייבער באַרירט אין דער דערציילונג א. ג. „אַ לאַנגווייליקע געשיכטע", געשריבן אין 1889 יאָר. דער מחבר האָט די דערציילונג אָנגערופן „נאָטיצן פון אַ זקן".

פאַר אונדזערע אויגן אַנטוויקלט זיך אַ שווערע טראַגעדיע פון צוויי מענטשן: פון אַ יונגער פרוי — קאַטיאַ און דעם אַלטן פאַרדינסטפולן פּראָפעסאָר ניקאָלאַי סטעפּאַנאָוויטש, איר אַפּוטראָפּוס. דער פּראָפעסאָר האָט ליב קאַטיען מער ווי זיין אייגענע טאָכטער, ער פרייט זיך פון איר ליבע און צוגעבונדנקייט, איז פאַר איר דער העכסטער אויטאָריטעט. זיין לעבן איז ביז איצט געווען אַ גליקלעכס. ער האָט געהאַט סיי פאַמיליען־גליק, סיי מזל ביי מענטשן, און רום אויף דער גאַנצער וועלט אַלס וויסנשאַפטלער. ער האָט ליב זיין פּראָפעסיע און האָט אין איר באמת דערגרייכט דערפאָלג. לײדער איז דער אַלטער פּראָפעסאָר אומהיילבאַר קראַנק. אין אָנבליק פון דראָענדיקן טויט נעמט ער זיך פאַרטראַכטן איבערן דורכגעלעבטן לעבן. ער אָבסערווירט זיין סביבה און אַנטפּלעקט זאַכן, וועלכע ער האָט פריער נישט געזען. ער דערזעט, אַז אַלץ אַרום איז דורכגעזאַפּט מיטן גייסט פון קנעכטשאַפט, צביעות, טפשות, באַנאַלקייט. און ער קומט צום אויספיר, אַז דאָס ווערק פון זיין גאַנץ לעבן איז געגאַנגען לאיבוד, אַז ער האָט שלעכט געלעבט, אַז ער איז געווען פּאַסיוו לגבי דער הערשנדיקער רשעות, אַז ער האָט זיך נישט אָנגעצייכנט אַ העלן, בפירושן ציל, צו וועלכן עס לוינט צו גיין מיט אַלע כוחות. „מיר ווערט קלאָר, — שרייבט ער אין זיינע זכרונות, — אַז אין מיינע שטרעבונגען פעלט דאָס סאַמע עיקרדיקסטע, עפּעס וואָס איז זייער וויכטיק... אין אַלע געפילן און אָפּשאַצונגען פעלט עפּעס אַלגעמיינס, וואָס זאָל אַלץ צונויפבינדן אין איין גאַנצקייט. יעדעס געפיל און יעדער געדאַנק לעבן אין מיר אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן. סיי אין מיינע אורטיילן וועגן דער וויסנשאַפט, טעאַטער, ליטעראַטור און סטודענטן, סיי אין אַלע בילדער, וועלכע עס מאָלט אויס מיין פאַנטאַזיע, וועט דער סאַמע געניטסטער אַנאַליטיקער נישט געפינען דאָס, וואָס עס רופט זיך אַלגעמיינע אידעע, דאָס הייסט דעם גאָט פונעם לעבעדיקן מענטש. און אויב דאָס איז נישט פאַראַן, הייסט עס, אַז עס איז נישט פאַראַן גאָרנישט"...

דער אַלטער פּראָפעסאָר איז נישט אימשטאַנד צו ענטפערן אויף דער פראַגע, צו וואָס ער האָט געלעבט און וואָס עס איז זיין לעבנסציל. איצט אָבער איז שוין צו שפּעט צו געפינען אַן ענטפער אויף אָט דער פראַגע. אָבער נישט בלויז אים פייניקט די דאָזיקע פראַגע. מיט דער זעלבער שאַרפקייט שטעלט זיך פאַר קאַטיען דאָס פּראָבלעם פון לעבנסציל. דאָס איז נאָך אַ יונגע פרוי, זי האָט אָבער

שוין הינטער זיך אַ ריי מיסדערפאָלגן און מפּלות. זי וויל וויסן, וואָס זי דאַרף טאָן, אין נאָמען פון וואָס זי זאָל לעבן, אָן דעם זעט איר אויס דאָס לעבן, ווי אַ קאָשמאַר. דער לעצטער שמועס צווישן איר און דעם פּראָפעסאָר, נאָך וועלכן זי גייט פון אים אַוועק, דעקט אויף די טראַגעדיע פון בײַדע העלדן פון דער דערציילונג.

פאַרצווייפלט רופט קאַטיאַ צום פּראָפעסאָר: „ניקאָלאַי סטיעפּאַנאָוויטש! איך קאָן נישט אַזוי לענגער לעבן! כ'קאָן נישט! אום גאָטס ווילן, זאָגט שנעלער, אויגנבליקלעך, וואָס דאַרף איך טאָן?... איר זענט דאָך אַ קלוגער, געבילדעטער מענטש, איר האָט דאָך לאַנג געלעבט! איר זענט געווען לערער! זאָגט זשע, וואָס דאַרף איך טאָן?“ און ער ענטפערט:

— „באמת, קאַטיאַ, איך ווייס נישט... קום, לאָמיר אָפּעסן פרישטיק“...

דער פּראָפעסאָר פאַרשטייט אויסגעצייכנט אירע שטרעבונגען: „אָט דעם מאַנגל פון דעם, וואָס די קאָלעגן־פּראָפעסאָרן רופן אָן אַלגעמיינע אידעע, — טראַכט ער, — האָב איך באַמערקט אין זיך ערשט נישט לאַנג, פאַרן טויט, אין מײַנע שקיעה־יאָרן, אָבער דאָס האַרץ פון אָט דער אומגליקלעכער האָט דאָך נישט געוווסט פון קיין רו און וועט נישט וויסן פון קיין אָפּרו איר גאַנץ לעבן, דאָס גאַנצע לעבן“!...

די טראַגעדיע פון פּראָפעסאָר און פון קאַטיען — דאָס איז נישט נאָר זייער פּערזענלעכע טראַגעדיע. ווײַזנדיק זי, האָט טשעכאָוו געטראַכט וועגן די אַלע זוכענישן און בלאָנדזשעניש פון דער טייל רוסישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט אין דער בורזשואַזער אָרדענונג. די דאָזיקע אינטעליגענץ האָט געפילט, וואָס פאַראַ טויט־שונא דער דאָזיקער סיסטעם איז פאַר דער קולטור, אָבער זי האָט נאָך נישט געפונען קיין רעוואָלוציאָנערן אויסוועג פון דער סיטואַציע.

נישט לאַנג נאָכן אָנשרײַבן „די לאַנגווײַליקע געשיכטע“, דעם 21־טן אַפּריל 1890 יאָר, האָט זיך טשעכאָוו געלאָזן אין אַ ווײַטער נסיעה, כּדי צו באַזוכן דעם אינדזל סאַכאַלין — אַן אָרט פון פאַרשיקונגען און קאַטאָרגע. די דאָזיקע נסיעה איז אַ פאָרזעצונג פון די אומדערמידלעכע שרײַבערישע זוכענישן און פון זײַן שטרעבונג צו געפינען דאָס, וואָס ער האָט אָנגערופן „אַלגעמיינע אידעע“. דורכמאַכן אַזאַ וועג האָט דעמלט באַדײַט זיך דערצידירן ממש אויף אַ העראָאישער טאַט. די גרויסע טראַנסיבירישע באַן האָט נאָך נישט עקזיסטירט. עס האָט זיך געפאָדערט דורכצומאַכן טויזנטער וויאָרסט אויף וואַסער־וועגן, מיט פערד, אויף אומוועגן, אין פאַרשידענע קלימאַטישע באַדינגונגען. דאָס איז נישט געווען קיין קלייניקייט אפילו פאַר אַ געזונטן מענטש. טשעכאָוו איז אָבער צו יענער צײַט געווען קראַנק אויף טובערקולאָז. אַ סך פון זײַנע פרײַנד און באַקאַנטע האָבן דעריבער נישט געקאָנט פאַרשטיין די מאָטיוון פון אַזאַ אומגעווײנלעכן אײַן

זייערע אויגן באַשלוס. אויף זייערע פּיל אָנפּראַגעס פּלעגט טשעכאָוו ענטפערן אויסמיידנדיק, אַז מיטן אָנשרייבן אַ וויסנשאַפטלעכן בוך וועגן דעם אינדזל סאַכאַלין וויל ער אָפּצאָלן אַ חוב, וואָס ער איז שולדיק דער רייַנער וויסנשאַפט. צומבעסטן אָבער קלערט אויף זיין באַשלוס דער ענטפער, וועלכן ער האָט געגעבן סוואָרינען, וועלכער האָט געוואָלט איבערצייגן טשעכאָוון, אַז סאַכאַלין איז „נישט אינטערעסאַנט". טשעכאָוו האָט שאַרף געענטפערט, אַז סאַכאַלין מוז שוין הוקא יאָ זיין אינטערעסאַנט, אויב דער צאַריזם האָט דאָרט פאַרפּייניקט אויף אַ באַרבאַרישן אופן עטלעכע מיליאָן מענטשן...

טשעכאָוו האָט געהאַט מוט צו פאָרשן די רוסישע צאַריש-קאַפּיטאַליסטישע ווירקלעכקייט אין אירע שענדלעכסטע און צום מייַנסטן אָפּשטויסנדיקע פאָרמען. דאָס דערקענען די דאָזיקע ווירקלעכקייט האָט נאָך מער פאַרטיפט דעם פּאַטריאָטיזם פונעם שרייבער און זיין שנאה צו די באַדריקער. בעת זיין רייזע האָט דער שרייבער דערקאַנט נאָך בעסער די גרייס פון זיין הײמלאַנד, דאָס גוטע האַרץ און די שיינע נשמה פונעם רוסישן פאָלקסמענטש, און ער האָט גלייכצייטיק מיט גרויס פאַרצווייפלונג געזען, אַז דאָס דאָזיקע פאָלק איז אויסגעשטעלט אויפן סאַמע האַרבסטן באַראָט פון די צאַרישע תלינים. ער איז געוואָרן דערשיטערט פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט דאָרט געזען. אין רעזולטאַט איז געקומען אַן אַרבעט א. פּ. „דער אינדזל סאַכאַלין". דאָס איז אַ ווערק, וואָס שטיצט זיך אויף וויסנשאַפטלעך אויסגעפאָרשטע ציפערן, פאַקטן און געשעענישן, וואָס גיט אַ שרעקלעך בילד פון דער צאַרישער קאַטאָרגע-גרויל.

צו זיין סאַכאַלין-רייזע האָט זיך טשעכאָוו געגרייט במשך פון אַ ריי חדשים מיט אויסערגעוויינלעכער ענערגיע און פּרעציזיע. ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ, די געשיכטע פון די תפיסה-אָנגעלעגנהייטן און פאַרשיקונגען אין רוסלאַנד, די געשיכטע פון דער קאָלאָניזאַציע פון סאַכאַלין, האָט זיך באַקאַנט מיט די אַרבעטן פון פאַרשידענע אינדזל-פאָרשער — רוסישע געאָלאָגן, עטנאָגראַפן א. א., געלייענט אין אַלטע ביכער און זשורנאַלן רייזע-באַשרייבונגען און אינפאָרמאַציעס וועגן דער קאַטאָרגע און פאַרשיקונגען. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די רוסישע שרייבער זענען ביז איצט נישט געווען באַקאַנט מיטן גאַנצן אמת וועגן סאַכאַלין. און נאָך איידער ער האָט זיך געלאָזן אין וועג, האָט ער צונויפגעזאַמלט אַן אומגעהויערן וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל, כדי אים אויפן אָרט קאָנפראָנטירן מיט דער ווירקלעכקייט.

זיין רייזע קיין סאַכאַלין האָט טשעכאָוו אָנגעהויבן פון מאָסקווע, פונוואַנען ער איז געפאָרן קיין יאַראָסלאַוול און דערנאָך, לענגויס דער וואָלגע און קאַמע, דורכן בייקאַל און אַמור, איז ער געקומען קיין ניקאָלאַיעווסק און פון דאָרט — קיין צפון-סאַכאַלין. דעם 10-טן יוני 1890 איז ער אָנגעקומען אויפן אינדזל און זיך גענומען צו אַ ריזיקער אויספאָרש-אַרבעט. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן,

אַז טשעכאָוו האָט אייגנהענטיק איבערגעשריבן אַ רשימה פון רוב פון דער באַפעלקערונג פון סאַכאַלין (אַן ערך צען טויזנט פּערזאָן!) און דורכגעפירט טויזנטער שמועסן מיט מענטשן, וועלכע זענען דאָרט פאַרמשפּט געוואָרן אָדער געזעסן אין תּורמע. הגם מען האָט אים נישט צוגעלאָזט צו געוויסע פּאָליטישע פאַרשיקטע, האָט ער „באַזוכט אַלע שטובן און גערעדט מיט יעדן" — האָבן וועגן דעם דערציילט גבית=עדות. אַ סך מענטשן האָט ער געבראַכט רעאַלע הילף. וועגן דעם דערציילן די בריוו, וואָס ער האָט שפּעטער באַקומען פון די „סאַכאַלינער" און פון זייערע משפּחות. די פאַרשיקטע און אַרעסטירטע האָבן לאַנג דערמאָנט מיט אָנערקענונג טשעכאָווס אויפהאַלט אין סאַכאַלין.

צוליב צענזור=מניעות האָט טשעכאָוו געמוזט באַגרענעצן זיין אַרבעט בלויז צום עיקרדיקסטן לויט זיין מיינונג — צו אינפאָרמאַציע=מאַטעריאַל. אין יאָר 1891 האָט ער פאַרעפנטלעכט די ערשטע קאַפּיטלען, אין די יאָרן 1893 — 1894 האָט ער צוגעגרייט די ווייטערדיקע און לסוף איז אים געלונגען אין יאָר 1895 אָפּצודרוקן דאָס גאַנצע בוך. דער רושם איז געווען אַן אומגעהויערער. די עפנטלעכע מיינונג איז געוואָרן אויפגערודערט. די פּראָגרעסיווע רוסישע קרייזן זענען צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אויפן סאַכאַלינער אינדזל הילף=אַנשטאַלטן, שולן, ביבליאָטעקן, — פון געלט=זאַמלען, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן מיט טשעכאָווס אַקטיווער מיטהילף.

נאָכטוענדיק טשעכאָווס ביישפּיל, האָבן סאַכאַלין גענומען באַזוכן פאַרשער און שרייבער. זיי האָבן פולשטענדיק באַשטעטיקט די אויטענטישקייט פון טשעכאָווס באַריכטן. אפילו די צאַרישע מאַכטהאָבער האָבן געמוזט באַשטימען אַן אויספאָרשונגס=קאָמיסיע פון הויכע באַאַמטע און ווייסנשאַפטלער, וועלכע האָבן באַזוכט סאַכאַלין און, וואָס אַן אמת, באַשטעטיקט די פאַקטן, וועלכע טשעכאָוו האָט געבראַכט אין זיין בוך, אָבער זיי האָבן זיך נישט באַמיט צו ענדערן דעם טרויעריקן צושטאַנד. פונדעסטוועגן האָט די רוסישע געזעלשאַפטלעכקייט געהאַלטן, אַז אפילו די נישט וועזנטלעכע ענדערונגען, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט דורכגעפירט אויף סאַכאַלין אין די ניינציקער יאָרן, דאַרף מען פאַרדאַנקען טשעכאָווס רייזע און דער פּאָפּולערקייט פון זיין בוך.

די סאַכאַלין=רייזע איז געווען אַן איבערברוך=מאָמענט אין טשעכאָווס לעבן. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז דער שרייבער, וואָס פלעגט ביז דאַן אין זיין שאַפן אויסמיידן פּובליציסטישע עלעמענטן, האָט אָנגעשריבן אַ טיפּיש פּובליציסטיש בוך, אַ בוך, וואָס באַשולדיקט אָפן דעם צאַרישן רעזשים, אַ בוך, וואָס האָט אַלאַרמירט און אויפגעטרייסלט דאָס געזעלשאַפטלעכע געוויסן.

די סאַכאַלין=רייזע האָט צוגעאיילט די צייטיקונג פון טשעכאָווס טאַלאַנט און גלייכצייטיק דערוועקט ביי אים אַן אינטערעס פאַר פּאָליטישער טעטיקייט. קורץ נאָכן צוריקקומען האָט ער פולשטענדיק איבערגעריסן מיט דער רעאַקציאָנערער

צייטונג „נאָוואָיע ווערעמיא“, אין וועלכער ער פלעגט דרוקן זיינע ווערק, פארשטייט זיך, נישט צוליב דעם, ווייל ער האָט געטיילט אירע אָנשויונגען, נאָר צוליב זיין ביזדעמלטיקער גלייכגילטיקייט צו פּאָליטיק. אצינד שרייבט ער אין א בריוו צו זיין ברודער אלעקסאנדער, אז די פובליציסטן פון „נאָוואָיע ווערעמיא“ רופן ביי אים ארויס אן עקל. „מיינע איבערציייגונגען דערווייטערן מיך אויף 7375 וויאָרסט פון זשיטיעל און קאָמפּאַניע“ — שרייבט ער (זשיטיעל איז געווען איינער פון די רעאקציאָנערסטע פובליציסטן פון „נאָוואָיע ווערעמיא“, 7375 וויאָרסט — דאָס איז געווען זיין וועג פון מאָסקווע קיין סאכאלין).

טשעכאָוו דערפילט א ווילן צו לעבן און ארבעטן צווישן פאָלק. צוליב דעם באזעצט ער זיך אין דאָרף מעליכאָוואָ, נישט ווייט פון מאָסקווע. אין זיינע באטראכטונגען, געשטיצט אויף אָבסערוואציעס און טיף דורכגעלעבטע פאקטן, קומט ער צום אויספיר, אז עס גענוגט נישט צו זיין אַליין ערלעך און גוט, ערלעך צו לעבן און צו ליבן דאָס גוטע, מען מוז אויך אקטיוו זיך אנטקעגנשטעלן דעם שלעכטן. דער איידעלער און גוטער מענטש קען אפילו ווערן שעדלעך פאר דער געזעלשאפט, אויב ער פארמאכט די אויגן אויף דער ארומיקער ווירקלעכקייט און דערלאָזט פריי פאנאנדערוואקסן זיך די געמיינהייט און פארברעכערישקייט ארום זיך.

דאָס איז דער הויפּט־געדאנק פון דער דערציילונג א. נ. „די פאלאטע נר. 6“, אָנגעשריבן אין 1892 יאָר.

העלד פון דער דערציילונג איז אנדריי יעפימיטש ראגין, א רואיקער, ערלעכער, דעליקאטער און אינטעליגענטער דאָקטאָר מעדיצין. ער פארמאָגט די אלע מעלות פון טשעכאָוום ביז איצט געמאָלטע בעסטע העלדן. פונדעסטוועגן ווערט ראגין טראָץ אלע־מעלות אן אומסימפאטישע געשטאלט פארן לייענער.

אנדריי יעפימיטש ראגין האלט זייער פון שכלדיקייט און ערלעכקייט, אָבער אויף אָרגאניזירן ארום זיך א שכלדיק און ערלעך לעבן סטייעט אים נישט קיין ווילן און גלויבן. באַפעלן, פאַרבאָטן, פאָדערן — איז אַנדריי יעפימיטש בכלל נישט בכוח. עס מאכט אן איינדרוק, ווי ער וואָלט זיך באשווירן קיינמאָל קיין הויך וואָרט נישט ארויסצולאָזן פון מויל, נישט צו באנוצן קיין באפעל־פאָרם. אים קומט אָן שווער צו זאָגן „גיב“ אָדער „ברענג“, ווען ס'ווילט זיך אים עסן, ער פארבייסט עפעס און זאָגט צו דער קעכין: „אפשר א גלאָז טיי פאר מיינעטוועגן...“, אָדער: „אפשר וואָלט איך עפעס אָפּגעגעסן“... אָבער אויף צו זאָגן דעם משגיח, אז ער זאָל אויפהערן גנבענען, אָדער בכלל אָפּצושאפן דעם דאָזיקן פאראזיטישן אמט האָט ער נישט קיין כוח. ווען מען נארט דעם דאָקטאָר אָפּ אָדער מען חנפעט אים, אָדער מען גיט אים אונטערצושרייבן א בפירוש פאלשן חשבון, רויטלט ער זיך ווי א בוראק און האָט געוויסנביסן, אָבער דעם חשבון שרייבט ער פאָרט אונטער. ווען די קראנקע באקלאָגן זיך, אז זיי הונ=

גערן און אַז די באַדינערינס באַנעמען זיך צו זיי גראָב, לאָזט ער מיט חרפּה אַראָפּ די אויגן און דערקלערט: „גוט, גוט, כ'וועל עס שפּעטער באַטראַכטן... משמעות א מיספאַרשטייעניש“...

און דערווייל קומען פּאָר שרעקלעכע זאַכן אין שפּיטאָל, וואָס געפינט זיך אונטער זיין אויפזיכט. אומדערהערטע שמוץ, אומפליים, געשטאַנק. די באַדינונג באַגנבעט די קראַנקע און באַציט זיך צו זיי גראָב. כמעט די איינציקע רפואה אויף אַלע קראַנקהייטן איז א קאַמפאָר־שמירעכץ און ריצנאייל... א סך קראַנקע ווערן אָנגעשטעקט מיט נייע חולאתן נאָכן אָנקומען אין שפּיטאָל. די שטערבלעכקייט איז שרעקלעך גרויס.

תחילת פּלעגט אַנדריי יעפימיטש ראַגין פלייסיק אַרבעטן, און ער האָט באמת געוואָלט אַרויסהעלפן די ליידנדיקע און זיי היילן, אָבער ער האָט זיך גיך מיאש געווען. ער איז געקומען צום אויספיר, אַז וויל עס קומען כסדר אָן א סך קראַנקע, איז ער סיי ווי נישט אימשטאַנד זיי גענוי צו באַטראַכטן און באמת צו העלפן. וואָס שייך דעם שפּיטאָל, איז ער מודה, אַז עס וואָלט דאָ נייטיק געווען איינצופירן די געזעצן פון מעדיצין און היגיענע, און „דערצו איז נייטיק ריינקייט און ווענטילאַציע און נישט שמוץ, געזונטע עסנוואַרג און נישט א זופּקע פון שטינקנדיקע זויערקרויט, א גוטער הילף־פּערסאָנאַל און נישט קיין גנבים“. אָבער ראַגין האָט נישט גענוג ענערגיע, כדי צו ענדערן אָט די שפּיטאָל־פאַרהעלטענישן. ער וואָלט דאָך געמוזט באַזייטיקן די גנבישע באַנדע, וואָס פּאַראַזיטירט אויף מענטשלעכע ליידן, געמוזט קעמפן קעגן אירע אינטריגעס, אַרויסגעבן פאַראָרדענונגען, באַפעלן, אפשר אויך עמעצן אויסזידלען, קאָנטראָלירן. און דערצו האָט ער קיין שום חשק נישט. ער האָט ממש מורא אָנצוהייבן א וועלכע עס איז טעטיקייט. איינגעאָרדנט זיך באַקוועם, האָט ער ליב צו לייענען, איינזאַם נאָכצוטראַכטן. און שטופּנווייז שאַפט זיך ראַגין אָן אייגענע „פילאָזאָפיע“, א „טעאָריע“ אַזא, וואָס דאַרף באַרעכטיקן זיין פוילקייט און פּאַסיווקייט. „צו וואָס שטערן די מענטשן צו שטאַרבן, אויב דער טויט איז א נאָרמאַלער און געזעצמעסיקער סוף פון יעדן פון אונדז? — קלייגלט ער זיך. — וואָס קומט אַרויס, אַז עפּעס א קרעמער אָדער טשינאָווניק וועט לעבן פינף אָדער צען יאָר לענגער? אויב זשע ווידער דער ציל פון דער מעדיצין באַשטייט דערין, וואָס היילמיטלען מילדערן די מענטשלעכע ליידן, טאָ אַנטשטייט נישט ווילנדיק א פראַגע: צו וואָס דאַרף מען זיי מילדערן? ערשטנס, זאָגט זיך ביי לייטן, אַז צרות דערפירן דעם מענטש צו שלימות, צווייטנס, אויב די מענטשהייט וועט זיך באמת אויסלערנען מילדערן אירע ליידן מיט דער הילף פון פילן און טראָפּנס, וועט זי לגמרי פאַרוואַרפן די רעליגיע און פילאָזאָפיע, אין וועלכע זי פלעגט ביז איצטער געפינען נישט נאָר שוץ קעגן אַלע מאַטערנישן, נאָר אויך איר גליק. פּושקין האָט פאַר טויט שרעקלעך געליטן, היינע איז אָפּגעלעגן אייניקע יאָר

א פאראליזירטער, טאָ פארוואָס זשע זאָל נישט א ביסל אָפקרענקען א געוויסער דאָרט אנדריי יעפימיטש אָדער מאטריאָנא סאווישנא, וועמענס לעבן איז אינהאלטלאָז און וואָלט געווען אינגאנצן פוסט און ענלעך צום לעבן פון אן אמעבע, ווען נישט די ליידן?“.

און אנדריי יעפימיטש פארנאכלעסיקט אלץ מערער זיינע פליכטן, ער לאָזט די קראנקע פון שפיטאָל אויפן באַראָט פון גורל און פון זיין געהילף — א שווינדלער, עם-הארץ און גנב. צום מערסטן פארנאכלעסיקט איז אין שפיטאָל די פאלאטע נר. 6, וו עס געפינען זיך גייסטיק קראנקע. די קראנקע לעבן אין שווידערלעכע באדינגונגען. דעם דאָקטאָר זעט מען דאָרט נישט במשך פון גאנצע יאָרן, און דער איינציקער אפוטרופוס פון די קראנקע איז דער שיכורער סטרוזש, דער טעמפער ניקיטא. איינמאָל איז ראגין „צופעליק“ פאָרט אריינגעקומען אין פאלאטע נר. 6 און האָט מיט שטוינונג זיך איבערצייגט, אז דאָרט געפינט זיך א זייער אינטעליגענטער מענטש, איוואן גראָמאָוו, א געוועזענער סטודענט, וועלכער שאצט זייער ניכטער אָפ אלץ, וואָס עס קומט פאָר אין שפיטאָל. גראָמאָוו גרייפט אָן דעם דאָקטאָר און זאָגט אים, וואָס ער מיינט וועגן דער גאנצער שפיטאָל-באלעבאטישקייט. אָבער ראגין פרווט אים איבערצייגן, אז מען קאָן דאָ אויך זיין גליקלעך, וואָרעם „דיאָגענעס האָט געוווינט אין א פאס און איז פונדעסטוועגן געווען גליקלעכער פון אלע קיניגן אויף דער ערד...“ גראָמאָוו איז נישט מסכים מיט דער פילאָזאָפיע פון „גלייכגילטיקייט“ צו צרות, און ער ווייזט אָן אויף איר גאנצער צביעות:

„א באקוועמע פילאָזאָפיע: סיי דו הארפסט גאָרנישט נישט טון, סיי דאָס געוויסן איז רואיק, און האלסט זיך נאָך, מענטש, פאר א חכם... ניין, ליבער הער, דאָס איז נישט קיין פילאָזאָפיע, נישט קיין דענקען און נישט קיין אויפקלערערישע אָנשוויונגען, נאָר פאקיריזם, פוילקייט, איינשלאָף-געטראנק... יאָ! איך פאראכט די ליידן, אָבער זאָל איך נאָר עמעץ צוקוועטשן די פינגער, וואָלט איך באלד גערעוועט מיט ווילדע קולות“. גראָמאָווס אויספירן לאַכט ראגין אויס מיט א געפיל פון העכערקייט. אָבער נאָר אינגיכן צווינגט אים דאָס לעבן אויסצופרובירן די ריכטיקייט פון זיינע פילאָזאָפישע טעאָריעס אויף זיך אליין. א צווייטער שפיטאָל-דאָקטאָר כאָבאָטאָוו הייבט אָן צוליב קנאה צו אינטריגירן קעגן ראגינען. דעמלט באמערקט ראגין מיט שטוינונג, אז ער רעאגירט נישט אזוי ווי מען דארף אויף כאבאטאָווס מאכינאציעס, אז די מענטשלעכע צביעות און רשעות, ווען זי רירט אים אָן פערזענלעך, טוט אים שוין דווקא יאָ ווי און פייניקט אים שטארק, און עס העלפט דאָ אבסאָלוט נישט די „פילאָזאָפיע“, אז לגבי דעם קאָסמאָס און דער אייביקייט איז אזא כאָבאָטאָוו א נישטיקייט... ענדלעך קומט די שעה פון שווערסטן נסיון: צוליב כאָבאָטאָווס אינטריגעס געפינט זיך ראגין אויך אין פאלאטע נר. 6 שוין אלס א „קראנקער“, און דאָ איבער-

צייגט ער זיך, וויפל ליגן עס איז געווען אין אלע זיינע ביזאַנטיקע טעאָריעס פון גלייכגילטיקייט צו ליידן. עס איז גענוג געווען איין ברוטאלער קלאַפּ און אלע זיינע טעאָריעס האָבן געפּלאַצט ווי א זייפנבלאָז. ראַגין האָט זיך פולשטענדיק איינגעבראָכן און איז לסוף געשטאָרבן פון אן אַפּאָפּלעקסיע.

דאָס דערשיינען פון דער אויבנגעשילדערטער דערציילונג האָט געמאַכט א דערשיטערנדיקן איינדרוק אין גאַנץ רוסלאַנד. אלע דענקנדיקע מענטשן האָבן פאַרשטאַנען, אז „די פּאַלאַטע נר. 6“ איז א „באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דעם צאַרישן רעזשים, קעגן דעם טעמפּן און בייזוויליקן ניקיטאַ — דעם צאַר גופא. דער יונגער לענין האָט, דורכלייענענדיק די נאָוועלע, געזאָגט צו זיין שוועסטער: „ווען איך האָב נעכטן אינאָוונט דורכגעלייענט די דאָזיקע דערציילונג ביזן סוף, איז מיר פּשוט שרעקלעך געוואָרן. כ׳האָב נישט געקאָנט לענגער איינזיצן אין שטוב, כ׳בין אויפגעשטאַנען און ארויס“ (א. י. אוליאַנאָווא־יעליזאַראָווא: „דערינערונגען וועגן איליאיטשן“). לענין האָט איינער פון די ערשטע פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט דעם פאַקט, אז טשעכאָוו האָט אין דער דאָזיקער דערציילונג געוואָרפן א באַשולדיקונג נישט נאָר קעגן דער צאַרישער זעלבסט־הערשאַפט, נאָר אויך קעגן בורזשואַזן ליבעראַליזם, וואָס איז פּאַסיוו און טאָלערירט דעם עקזיסטירנדיקן לעבנס־מצב. ער האָט קלאָר אַוועקגעשטעלט די טעזע, אז שולדיק איז נישט נאָר דער צאַריזם, נאָר אלע, וואָס מאַכן מיט אים שלום.

דער שרייבער האָט ארויסגעבראַכט דאָס פּראָבלעם פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם שלעכטס. אָט וואָס ער שרייבט סוואָרינען אין א בריוו צו אים וועגן סאַכאַלין:

„פון די ביכער, וועלכע איך האָב דורכגעלייענט און וואָס איך לייען איצטער, דרינגט ארויס, אז מיר האָבן פאַרפייניקט אין די טורמעס מיליאָנען מענטשן, מיר האָבן זיי פאַרמוטשעט אומזיסט, נישט באַדאַכט, ווי באַרבאַרן, מיר האָבן געטריבן די קאַטאָרזשניקעס געקאָוועטע אין קייטן צענדליקער טויזנטער ווערסט, זיי אָנגעשטעקט מיט סיפיליס, דעמאָראַליזירט, געמערט פאַרברעכער, און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערפאַר האָבן מיר ארויפגעוואָרפן אויף די טורמע־שומרים מיט רויטע נעז. איצט ווייסט דאָס גאַנצע אויפגעקלערטע אייראָפּע, אז שולדיק זענען נישט די שומרים, נאָר מיר אלע, אָבער אונדז גייט דאָס גאָרנישט אָן, דאָס אלץ איז פאַר אונדז אינגאַנצן נישט אינטערעסאַנט“.

דער מחבר האָט אויפגעטרייסלט א סך אזעלכע ראַגינס, וואַרפנדיק זיי אין פּנים אריין: „דאָס זענט איר די מיטשולדיקע אין די פאַרברעכנס פונעם צאַרישן רעזשים, טאַקע איר, ליבעראַלע שיינגייסטער, איר, וואָס קאָנט א סך פּלוידערן און פילאָזאָפירן און קאָנט נישט קעמפן“.

טשעכאָוו טרעט דאָ ארויס אנטשלאָסן קעגן דער רעאַקציאָנערער אַנשויונג פון לעוו טאָלסטאָי וועגן „נישט אַנטקעגנשטעלן זיך מיט כוח דעם שלעכטס“. פון

דער גאנצער דערציילונג שרייט ארויס דער איינציקער אויספיר: מען דארף קעמפן. די שוואכע קומען אום. מען דארף זיך אנטקעגנשטעלן דער רשעות!

טשעכאָווס טראגעדיע אלס שרייבער, בירגער, מענטש באשטייט דערין, וואָס ער האָט נישט געזען דעם כוח, וואָס זאָל זיך אנטקעגנשטעלן דעם צאריזם. ער ווייסט, אז מען דארף דעם דאָזיקן כוח זוכן אין פאָלק, אָבער וועלכער איז עס דער קאָנקרעטער כוח, וואָס קאָן אָנפירן מיטן פאָלק? ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראגע האָט ער נישט געקאָנט. איינס האָט ער אָבער אויף זיכער געוווסט, אז דאָס איז אלנפאלס נישט די ליבעראלע אינטעליגענץ. יאָושריק, האָפנונגסלאָז ענדיקט זיך די נאָוועלע. דער מחבר האָט נישט געוויזן קיין קאָנקרעטן וועג, וויאזוי ארויסצובאקומען זיך פונעם צארישן טורמע-לעבן. דער גרויסער פארדינסט פון טשעכאָוון באשטייט אָבער דערין, וואָס ער האָט אוועקגעשטעלט פאר דער גאנצער געזעלשאפטלעכקייט א פראָבלעם פון א פרינציפיעלער און רעוואָלוציאָנערער באדייטונג.

„די פאלאטע נר. 6“ איז א ווערק, וואָס שליסט אָפּ אין טשעכאָווס שאפן א פעריאָד פון דעפרעסיע און יאוש. די אויפלעבונג פונעם פּאָליטישן לעבן אין די ניינציקער יאָרן, דאָס בהדרגהדיקע אָנוואקסן פון א רעוואָלוציאָנערער סיטואציע איז נישט געבליבן אָן השפעה אויף טשעכאָוון, וועלכער האָט מיט דער גאנצער עמפינדלעכקייט פון אן עכטן קינסטלער ארויסגעפילט די שטימונגען פון דער געזעלשאפט. אין טשעכאָווס דערציילונגען נעמען זיך באווייזן מאָטיוון פון אָפּטימיזם. למשל, אין דער דערציילונג „דריי יאָרן“, אָנגעשריבן אין 1895 יאָר, וווּ עס ווערט געשילדערט דאָס פינצטערע סוחרישע לעבן אין זאמאָסקוואַרעטשע*, זאָגט אייגער פון די געשטאלטן: „צי ווייסט איר, מיט יעדן טאָג ווער איך אלץ שטארקער איבערצייגט, אז מיר לעבן ערב א גרויסן יום-טוב, און איך וואָלט וועלן דערלעבן און אליין זיך אין אים באטייליקן“.

טשעכאָוו האָט א פאָרגעפיל פונעם „גרויסן יום-טוב“, וועלכער רוקט זיך אָן, און ווייסט, אז דאָס דאָזיקע נייע, שיינע לעבן וועט זיין דאָס ווערק פונעם פאָלק. ער גיט זיך אויך אָפּ א חשבון, אז אויפן וועג צו דעם דאָזיקן נייעם לעבן וועט דאָס רוסישע פאָלק נישט נאָכגיין די נאראָדניקעס און ליבעראלן צוליב זייערע פארשוימלטע, אָפּגעריסענע פון לעבנס-אמת פראָגראמען און לאָזונגען. אינעם בורזשואזן ליבעראליזם, אונטער זיין מאסקע פון ליבע צום פאָלק און פראָגרעס, דערזעט ער דעם שקר און די צביעות. „אָנשטענדיקע, געבילדעטע לייט, אָבער עפּעס דאָרט פארליגנערישטע“ — שרייבט ער אין זיין נאָטיץ-בוך וועגן די ליבעראלן. אין דער דערציילונג „שכנים“ (1892) האָט טשעכאָוו געמאָלן א פאָרטרעט פון א דעמלטיקן נאראָדניק, א באגרענעצטן פראזנדרעשער, וועלכער

* זאמאָסקוואַרעטשע — א טייל פון מאָסקווע אויפן רעכטן ברעג טייך.

האלט פלאכע, איבהאלטלאָזע, באנאלע מאָנאָלאָגן. אינעם ציקל דאָרפישע דערציילונגען („די פויערים“, „אין טאָל“, „א נייע האטשע“) האָט ער זיך דרייסט אָפגערעכנט מיט די נאַראָדניקישע אילוזיעס וועגן דעם, אז רוסלאַנד קאָן אויסמיידן דעם קאפּיטאליסטישן וועג פון אנטוויקלונג און דערגרייכן דעם סאָציאליזם דורך אנטוויקלען די דאָרפישע געמיינשאפטלעכע באלעבאטישקייט („אָבשטשינא“). ער שילדערט די ווירקלעכקייט, ווי זי איז באמת געווען, און גיט א בולט בילד פון קלאסן־צעטיילונג און קולאקישער באלעבאטישקייט אין דאָרף. ער האָט דערוויזן, אז די „אָבשטשינע“ איז אן איבערבלייבעכץ פון א פארגאנגענער עפּאָכע, וואָס געפינט זיך אין סטאַדיע פון צעפאלונג, און נישט קיין זריעה פון א נייעם לעבן, ווי דאָס פלעגן זאָגן די נאַראָדניקעס.

דאנקענדיק דעם שרייבער פאר דעם ראָמאן „די פויערים“ (1897), האָט דער שרייבער א. לוגאָוואָי (א. טיכאָנאָוו) געשריבן צו טשעכאָוון:

„דאָס אלץ איז פּראכטפול פונעם קינסטלערישן שטאנדפונקט, ווי אלץ, וואָס איר שרייבט, און אָפּשטויסנדיק, ווי די ווירקלעכקייט — כאפּט זי דער טייוול! וואָלט מען כאָטשבי זיך געקאָנט טרייסטן, אז ביי אונדז איז עס בלויז אזוי און ביי אנדערע פעלקער איז בעסער, אָבער אומעטום הערשט דאָך אזא חושך! אונדזערע פוערים זענען נאָך אלץ בעסער, איידער די, וועלכע זאָלא האָט געשילדערט“.

דער באקאנטער דראמאטורג וולאדימיר נעמיראָוויטש־דאנטשענקאָ האָט בריוולעך מודיע געווען טשעכאָוון: „כ׳האָב געלייענט מיט גרויס שפּאנונג „די פויערים“. אורטיילנדיק לויט א ריי אָפּרופן פון פארשידענע זייטן, האָסטו שוין לאנג נישט געהאט אזא דערפאָלג“.

באמת, דאָס נייע ווערק פון פויערים־לעבן האָט ארויסגערופן א סך אנטציקונג, אָבער אויך א שטורעם פון פּראָטעסטן, וועלכע עס האָבן אויפגעהויבן די פאָרשטייער פון די ליבעראלע, בפרט נאַראָדניקישע קרייזן. דער פירער פון די נאַראָדניקעס נ. מיכאילאָווסקי האָט אין „רוסקאָיע באָגאטסטוואָ“ געגעבן א נעגאטיווע אָפּשאצונג פונעם ראָמאן און זיך באמיט אָפּצושוואכן דעם גרויסן איינדרוק, וואָס די „פויערים“ האָבן געמאכט אין דער רוסישער געזעלשאפט, טענהנדיק, אז „מען דארף נישט און מען טאָר אפילו נישט“ מאכן פון טשעכאָווס ווערק „וועלכע עס איז אלגעמיינע אויספירן“.

אין סאָוועטישן צענטראלן ליטעראטור־ארכיוו געפינט זיך א מאנוסקריפּט פון טשעכאָווס פאָרזעצונג פון די „פויערים“ (די קאפּיטלען 10 און 11) און דעם שרייבערס נאָטיצן, פון וועלכע עס דרינגט ארויס, אז טשעכאָוו האָט בדעה געהאט אָנצושרייבן א ברייטערן ראָמאן וועגן פויערישן לעבן נישט נאָר אין דאָרף, נאָר אויך אין דער גרויסער שטאָט, וווהין די פויערים ווערן געטריבן דורך

אַנטאָן טשעכאָװ און לעװ טאָלסטאָי אין גאַספּרע (קרים)
אין יאָר 1901.

דער גויט, וואָס הערשט אין דאָרף. דער דאָזיקע פּלאַן איז צוליב אומבאַקאַנטע סיבות נישט רעאַליזירט געוואָרן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט טשעכאָווס דערציילונג „אין טאָל“ (1900) האָט גאָרקי פּאַרעפנטלעכט אַ גרויסן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט געגעבן אַן ענטוזיאַסטישע אָפּשאַצונג סיי פונעם ווערק גופא, סיי פון טשעכאָווס גאַנצער שאַפונג און זיך אָפּגערעכנט מיט די צו טשעכאָוון פיינטלעכע קריטיקער.

זיין אייגענע קריטיק פון די עקזיסטירנדיקע אין רוסלאַנד לעגאַלע פּאָליטישע שטרעמונגען האָט טשעכאָוו רעזומירט אין דער דערציילונג „מיין לעבן“ (1896). דער העלד פון דער דערציילונג, אַן אַרעליקער אינטעליגענט, דער זון פונעם אַרכיטעקט פּאָלאָזניעוו, האָט זיך דורכגענומען מיט דער אידעאַליסטישער לערע פון טאָלסטאָיען וועגן דעם, אַז אַלע מענטשן זענען מאָראַליש מחויב פיזיש צו אַרבעטן, „אַוועקגיין צו דער ערד“, אָפּצורוקן זיך פון די ציוויליזירטע שטאָטישע פאַרגעניגנס א. ד. גל. פּאָלאָזניעוו איז אַן ערלעכער מענטש, וועמען עס עקלט דער גאַנצער בורזשואַזער אַרום, וועלכער וויל נישט געניסן פון די פּריווילעגיעס פון זיין פּאַראַזיטישן קלאַס. ער קומט צום אויספיר, אַז אויב אויף דער וועלט זאָל נעמען הערשן יושר, איז נייטיק, אַז „אַלע אָן אויסנאַם — שטאַרקע און שוואַכע, רייך און אָרעם, זאָלן אָנטיילנעמען אינעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, יעדער פאַר זיך גופא, און אין דער הינזיכט איז נישט פאַראַן קיין בעסערער גיוועלירנדיקער מיטל, ווי די פיזישע אַרבעט אַלס אַלגעמיינע פליכט“.

פּאָלאָזניעוו רעאַליזירט זיין אָנשויונג מיט דער גאַנצער קאָנסעקווענץ. ער פאַרלאָזט זיין אַרבעט אין מלוכהשן אַמט און, נישט געקוקט אויפן פאָטערס פּראָטעסט, ווערט ער אַ שטוב־מאַליער. פּאָלאָזניעוו גלויבט נישט, גאַטירלעך, אַז מיט זיין באַשלוס וועט ער עמעצן אָנרעגן נאָכצוטאָן זיין ביישפּיל. כמעט אַלע זיינע באַקאַנטע, אפילו די באַלמעלאָכעס, צו וועלכע ער האָט זיך דערנענטערט, האַלטן אים פאַר אַ ביסל נישט נאָרמאַלן. אָבער פּאָלאָזניעוו האָט אַ רואיק געוויסן, וואָרעם ער געניסט שוין נישט פון די נישט־יושרדיקע פּריווילעגיעס פון זיין קלאַס, ער פאַרדינט מיט זיינע אייגענע הענט אויף ברויט, און טראָץ דעם חוזק און דערנידערונג, מיט וועלכער אים קומט אויס יעדן טאָג צו באַגעגענען זיך, לעבט ער קאָנסעקווענט לויט אַ נייעם לעבנס־שטייגער.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז ער קאָן מיט נאָך איין שריט פאָרויס זיך אַ רוק טאָן אויף זיין נייעם לעבנס־וועג. מיט פּאָלאָזניעוון האָט זיך פאַראינטערעסירט דעם אינזשיניער דאָלזשיקאָווס טאָכטער, מאַשאַ, אַ שיינע, אינטעליגענטע, געבילדעטע פרוי, וואָס וויל ענדערן איר לאַנגווייליק, אינהאַלטלאָז לעבן אויף אַן איידעלערס און שענערס. פּאָלאָזניעוו אימפּאָנירט איר, זי זעט אין אים אַ מענטש, וואָס קאָן אויספילן איר פרוכטלאָז לעבן מיט אַ גרויסער אידעע. זי האָט פאַר אים חתונה און זיי פאָרן צוזאַמען אַרויס אין איר פאָטערס גוט מיט דער כוונה

צו פירן דאָרט א געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט „צווישן פאָלק“. זיי בויען א שול, פּאָלאָזניעוו פאַרנעמט זיך מיט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַלעבאַטישקייט.

אָבער שנעל ווערן זיי, לכל־הפּחות מאשע, אנטוישט. די דאָרפישע ווירקלעכקייט איז אינגאנצן אן אנדערע ווי אין די גאראָדניקישע ראָמאנען. מאשע נעמט זיך באַקלאָגן אויף די פּויערים פינצטערניש, גיריקייט און שיכרות, פאַרגעסנדיק, אז איר פּאָטער, דער איגזשינער דאָלזשיקאָוו, כאָטש ער איז א „קולטורעלער מענטש“, איז ער צוגלייך א שיכור און א גרעסערער גנב, איידער ווער עס איז פון די דאָזיקע פּויערים, און אז זיין מאיאָנטעק שטאמט טאקע בלויז פון גנבה און טונקעלע מאכינאציעס. פּאָלאָזניעוו פאַרשטייט, אז מאשעס פּאָרווורפן זענען איינזייטיקע, ער זאָגט דעם ווייב, אז זי „זעט פלעקן אויפן גלאָז, אָבער דאָס גלאָז גופא זעט זי נישט“. אָבער אויך ער באמערקט, אז סיי זיין ארבעט אין דאָרף, סיי מאשעס הילף גיבן נישט קיין שום קאָנקרעטע רעזולטאטן. אין א צייט ארום מאכט מאשע א סך־הכל:

„מיר האָבן א סך געארבעט, א סך געטראכט, מיר זענען דערפון בעסער געוואָרן — קומט אונדז א שיינעם דאנק דערפאר. מיר האָבן געהאט דערפאָלג, אָבער צי האָבן די דאָזיקע אונדזערע דערפאָלגן אויף עפּעס א מערקבארן אופן באווירקט דאָס לעבן ארום אונדז, צי האָבן זיי נוצן געבראכט, לכל־הפּחות איין מענטש? ניין. פינצטערניש, שמוץ, שיכרות, דערשיטערנדיקע קינדער־שטערבלעכקייט — דאָס אלץ איז געבליבן ווי געווען, און דערפון, וואָס דו האָסט געאקערט און געזייט, און איך האָב אויסגעגעבן געלט און ביכער געלייענט, איז קיינעם נישט בעסער געוואָרן“...

מאשע האלט, אז אין זייער אויפפירונג שטעקט ערגעצוו אן אָרגאנישער פעלער. אן אינטעליגענט, וואָס באזעצט זיך אויפן דאָרף און מאכט זיך פאר א פויער, וואָס קליידט זיך און ארבעט ווי א פויער, ווירקט נאָך דערמיט לגמרי נישט פּראָגרעסיוו, ווייל מיט זיין גאנצער האנדלונג סאנקציאָנירט ער דאָס, וואָס מען דארף טאקע ענדערן. איבעריקנס — די ארבעט מיט אזעלכע מעטאָדן קאָן נישט געבן קיין רעזולטאטן:

„...מיר זענען געווען גערעכט, אָבער מיר האָבן נישט ראציאָנעל רעאליזירט דאָס, מיט וואָס מיר זענען געווען גערעכט... לאָמיר אָננעמען, אז דו ארבעטסט לאנג, דאָס גאנצע לעבן, אז סוף כל סוף האָסטו דערגרייכט אוועלכע ס'איז רעזולטאטן, אָבער וואָס זענען זיי, די דאָזיקע דיינע רעזולטאטן, וואָס זענען זיי אימשטאנד אויפצוטאָן לגבי אזא סטיכישער מאכט, ווי די אלגעמיינע פינצטערניש, הונגער, קעלט, דעגענעראציע? א טראָפּן אין ים! דאָ זענען נייטיק אנדערע קאמפס־מיטלען, שטארקע, דרייסטע, שנעלע! ווער עס וויל באמת זיין נוצלעך, מוז זיך ארויסבאַקומען פונעם ענגן קרייז און זיך באמיען תיכף צו באַווירקן די מאסן!...“

נישט לאנג נאָכן דאָזיקן שמועס פאַרלאָזט די העלדין פון דער דאָזיקער דערציילונג דאָס דאָרף און פאָרט אָפּ קיין אמעריקע, כדי אָנצוהייבן א ניי לעבן. אָבער אָננעמענדיק אפילו, אז מאַשעס כאַראַקטער, איר האַלטונג וואָלט איר קיינמאָל נישט דערלויבט זיך ערנסט צו פאַרנעמען א לענגערע צייט מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, בלייבט איר קריטיק גערעכט. זי איבערצייגט מיט איר אינטעליגענץ און שכל, אַז טאָלסטאָיס טעזע וועגן „פּערזענלעכער פאַרפולקאָמונג" קען נישט ביי די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען ענדערן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, אַז נישט רעאַל זענען די לאָזונגען „אַוועקגיין צו דער ערד" און צו לעבן „צווישן פאָלק". מאַשעס פאַרשטייט ריכטיק, אַז אפילו די צוזאַמערסטנס אָפּפּערוויליקע פּיזישע אַרבעט פון יחידים וועט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט נישט ברענגען קיין שום רעזולטאַטן.

„דאָ זענען נייטיק אַנדערע קאַמפּס־מיטלען, שטאַרקע, דרייסטע, שנעלע" — זאָגט מאַשע, ארויסברענגענדיק דעם געדאַנק פונעם מחבר גופא. טשעכאָוו האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אַלע טעאָריעס וועגן בהדרגהדיקער פאַרפולקאָמונג פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן זענען אַן אילוזיע. זיין פּאָלאָזניעוו זאָגט: „בהדרגהדיקייט איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן. פּאַראַלעל מיטן פּראָצעס פון בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג פון הומאַניטאַרע אידעען לאָזט זיך מערקן אויך אַ בהדרגהדיק אָנוואַקסן פון אידעען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. די פּאַנשטשיזנע עקזיסטירט נישט, אָבער דערפאַר וואַקסט דער קאַפּיטאַליזם... די קונסט פון אונטעריאָכן דעם מענטש פאַרפולקאָמט זיך אויך בהדרגהדיק"...

דאָס איז אַן אויסערסט טיפזיניקער בליק אויף די סתירות, וועלכע ווערן געבוירן אין שוים פון קאַפּיטאַליזם. טשעכאָוו דערזעט אינעם קאַפּיטאַליזם די בייזע כוחות, וואָס זענען שונאים פון דער מענטשהייט און פונעם מענטש. אַ העלד פון איינער פון זיינע וויטערדיקע דערציילונגען אַ. ג. „אַ פאַרפאַל פון דער פּראַקטיק" (1898), דאָקטאָר קאָראָליעוו, באַטראַכטנדיק די פאַבריק און טראַכטנדיק וועגן די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, שטעלט זיך פאָר, אַז די פאַבריק מיט אירע טעכנישע איינאָרדענונגען איז אַ סימבאָל פונעם טייוול אין דער פאָלקסלעגענדע, דאָס הייסט פון יענער פאַרברעכערישער קראַפט, וואָס האָט איינגעשטעלט די באַציונגען צווישן די שטאַרקע און די שוואַכע. ער רעדט מיט פאַרביטערונג דערוועגן, אַז דער מענטשלעכער גייסט, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט צו באַהערשן די פאַרע און עלעקטריציטעט, האָט נישט באַוויזן צו פאַרבעסערן און צו מאַכן גליקלעכער דאָס מענטשלעכע לעבן, אַז די דאָזיקע וווּנדערלעכע מאַשינען, באַשטראַלט מיטן שיין פון געניאַליטעט, געפינען זיך אין דינסט פון אַ ברוטאַלער און בלינדער קראַפט, וואָס פאַרפייניקט דעם מענטש. דאָס לעבן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, פּונקט ווי אין דער שטיין־עפּאָכע, האַלט זיך אויף שרעק און קנעכשאַפט.

די נאָוועלע ענדיקט זיך אָבער מיט אַן אָפּטימיסטישן אקצענט. דער העלד אַנט, אַז עס וועלן אָנקומען צייטן, און מעגלעך שוין גאָר בקרוב, אין אַז ערד פּופּציק יאָר ארום, ווען עס וועלן אלע דעראָבערונגען פון דער קולטור און ציווי־ליזאציע, אלע דערגרייכונגען פונעם מענטשלעכן גייסט ברענגען נישט דעם „טייוול", נאָר דער בויונג פון א שיין, באַזיניקט לעבן און דעם מענטשלעכן גליק.

אין דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג האָט טשעכאָוו נישט געזען קיין מעג־לעכקייט פון א גליקלעך לעבן פאר א דענקנדיקן און ערלעכן מענטש. אַפּשטויסנ־דיק איז פאר אים דער אידעאַל פון א זאט לעבן אינעם אייגענעם הייזל אויפן דאָרף, אַן ארבעט, אָן קאַמף. אין דער דערציילונג „אגרעסט" (1898) שילדערט ער א נידעריקן באאמטן, וואָס האָט פארמוטשעט זיין ווייב, געהונגערט און גע־קארגט גאנצע יאָרן, כדי זיך צו דערשלאָגן צו אַן אייגענעם מאַיאָנטעק, אין וועלכן ער טרייבט א לאנגווייליק, פוסט, ממש א חיהש לעבן, קוויקנדיק זיך מיטן זויערן טעם פון „אייגענע" אגרעסט־יאַגדעס פונעם „אייגענעם" גאָרטן.

די דערציילונג אנטהאלט א צעשמעטערנדיקע קריטיק פונעם עקזיסטירנדיקן סיסטעם, וועלכע טשעכאָוו ברענגט ארויס דורך אייגעם פון די „אגרעסט"־גע־שטאלטן, איוואַן איוואַניטש.

„גיט א קוק אויף דעם דאָזיקן לעבן: חוצפּה און ליידיקגייעריי פון די שטארקע, פינצטערניש און בהמהשע אָפּגעטעמפּטקייט פון די שוואכע, ארום אומדז נויט נישט צו באשרייבן, ענגשאפט, דעגענעראציע און שיכרות, פאלשקייט, שקר... אָבער אין דער זעלבער צייט הערשט אין אלע הייזער און אויף די גאסן שטיל־קייט, מנוחה, און קיין איינער פון די פופציק טויזנט מענטשן, וואָס באוווינען די שטאָט, טוט צומאָל נישט קיין געשריי, ווערט זיך הויך נישט צעבונטעווען... מיר זעען נישט און מיר הערן נישט די, וואָס ליידן, און דאָס, וואָס איז אין לעבן שרעקלעך, געשעט ערגעצוו הינטער די קוליסן...

ניין, לענגער אזוי איז נישט מעגלעך צו לעבן, — שרייט איוואַן איוואַניטש, — פרייהייט איז א גוטס, און אָן איר, ווי אָן לופט, איז נישט מעגלעך צו לעבן, אָבער מען דארף אויף איר צווארטן. יאָ, אזוי האָב איך אליין ערשט גערעדט, און אציינד פרעג איך: אין נאָמען פון וואָס דארף מען עס ווארטן?... אין נאָמען פון וואָס פארא לאָגיק?... צי איז אין דעם פאראן א סדר און א נאטירלעכע זאך־אנטוויקלונג, אז איך, א לעבעדיקער, דענקענדיקער מענטש, שטיי איבער א ראָוו און ווארט, ביז ער וועט אליין באוואקסן ווערן אָדער ס'וועט אים באדעקן א שליים, בשעת כ'וואָלט, מעגלעך, געקאָנט אים אריבערשפרינגען, אָדער בויען איבער אים אַ בריק? און ווידעראמאָל, אין נאָמען פון וואָס זשע דאַרף מען עס ווארטן? ווארטן, ווען עס איז קיין כוח נישטאָ צו לעבן, און לעבן דערוויל דארף מען און עס ווילט זיך?"...

ווי איוואן איוואניטש, האָט רעמלט געטראכט דער בעסטער טייל פון דער רוסישער אינטעליגענץ. געווען זענען אָבער צווישן אָט דער אינטעליגענץ אויך אַנדערע כוחות, וועלכע זענען געווען אַן אָנשפּאַר פאַר די שוואַרצמאהניקעס און פאַרן צארישן רעזשים אלס גאנצן. דעם טייל רעפּרעזענטירט דער גימנאזיע־פּראָפעסאָר ביעליקאָוו אין דער דערציילונג א. ג. „דער מענטש אין א פוטע־ראל" (1898). ביעליקאָוו — דאָס איז אזא אינטעליגענטישער אונטעראָפיציר פרישיביעיעוו, א מסור, וואָס וואַרפט אָן א פּחד אויף דער גאנצער שטאָט. ער אָנערקענט אין לעבן בלויז די רעגירונגס־גזירות. פאַר אַלץ, וואָס ווערט דערלויבט, אפילו ווען די דערלויבעניש איז נוגע דער דערעפענונג פון א דראמאטיש קרייזל אָדער פון א טיי־לאָקאל — ציטערט דערפאר ביעליקאָוו, און ער זעט שוין פאָר די סאמע ערגסטע רעזולטאטן דערפון. ער דרייט מיטן קאָפּ און זאָגט: „דאָס זאָל זיך נאָר נישט שלעכט ענדיקן". ער האָט פיינט און האָט מורא פאַר אַלצדינג, וואָס איז ניי, לעבעדיק, נישט דורכשניטלער. די געשטאלט פון ביעליקאָוון גע־הערט צו די קלאסישע טיפּן פון דער פּאָליטישער סאטירע, און די ווערטער „דאָס זאָל זיך נאָר נישט שלעכט ענדיקן" זענען געוואָרן אין רוסלאנד א שפּריכוואָרט.

סוף 19־טן יאָרהונדערט האָט די וועלט פון די ביעליקאָוום זיך גענומען גרייטן צו איר לעצטן גאַנג: שוין אין אייניקע יאָר אַרום נאָכן דער־שינען פון ווערק זענען פאָרגעקומען געשעענישן, וואָס האָבן דערשיטערט די דאָזיקע וועלט. אַלץ העכער האָט זיך אויפגעהויבן די כוואליע פון ארבעטער־שטרייקן און פּויע־רים־בונטן, אין דער לופט האָט זיך געפילט דער אָטעם פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע. דעם דאָזיקן פרישן, פריידיקן פרילינג־הויך האָט טשעכאָוו ארוים־געפילט מיט דער גאנצער עמפּינדלעכקייט פון זיין קינסטלער־נשמה. די אטמאָס־פער פון די אָנקומענדיקע געשעענישן לאָזט זיך ארויספילן אין זיין שאפונג — אין די נייע טענער און נייע פארבן. ער, וואָס פלעגט אזוי נישט גערן שמועסן וועגן זיין ליטעראַרישן שאפן, האָט מיט שטאָלץ געוויזן אין יאָר 1903 דעם שרייבער יעלפּאטיעווסקי א נייע דערציילונג א. ג. „די כלה". אין דאָזיקן ווערק איז געשילדערט א יונג מיידל נאדיא, וואָס בונטעוועט זיך קעגן איר פריצישער סביבה, פארלאָזט דעם חתן און פאָרט קיין פּעטערבורג, ווו זי וועט איר לעבן ווידמען דער גרויסער אידעע. דער לייענער איז זיך משער, וואָס דער מחבר האָט צוליב צענזור־טעמים נישט אָנגערופןביים נאָמען, אז די העלדין באשליסט צו דינען דער זאַך פון דער רעוואָלוציע.

די דערציילונג „די כלה" איז באהויכט מיטן שרייבערס טרוים וועגן דעם פאַנאַנדערבלי פון זיין פאָטערלאַנד. איינער פון די העלדן זאָגט, אַז נאָענט איז שוין די צייט, ווען אין לאנד וועלן מער נישט זיין קיין „פּראָווינץ־שטעט" און „אַלץ וועט זיך איבערדרייען מיטן דנאָ ארויף", ווי פון א כישוף־שטעקעלע. „עס

ווילן אַנטשטיין, — זאָגט ער פּאַטעטיש, — נייע, פּרעכטיקע, גרויסע געביידעס, וווּנדערלעכע גערטנער, פּראַכטפולע מענטשן.“

נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג קומט נאַדיאַ צוריק אין איר היים־שטאָט.

„זי האָט געשפּרייזט איבערן גאָרטן, איבער דער גאַס, געקוקט אויף די היי־זער, אויף די גרויע פּלויטן, און עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אין דער שטאָט איז שוין אַלצדינג לאַנג געוואָרן פאַרעלטערט, אָפּגעלעבט און אַלץ וואַרט נאָר אויפן סוף, אויפן אָנהייב פון עפּעס נייעם, פרישן. אָ, זאָל נאָר וואָס גיכער קומען דאָס נייע ליכטיקע לעבן, ווען דער מענטש וועט קאָנען קוקן גלייך אין די אויגן אַריין זיין אייגענעם גורל, זיך פילן איידל, פריילעך, פריי! און אַזאַ לעבן וועט אַנטשטיין פריער אָדער שפּעטער!... און עס האָט זיך איר אָנגעצייכנט דאָס נייע, ברייטע, אַלזייטיקע לעבן, און דאָס לעבן, אַן אומקלאָרס נאָך, אַ געהיימניס־פולס, האָט זי פאַרכאַפּט און פאַרכישופט“...

„די כלה“ — דאָס איז איינס פון די ווערק, אין וועלכע עס קומט בולט צום אויסדרוק טשעכאָווס אָפּטימיזם, פּאַטריאָטיזם, זיין גלויבן אין דער צוקונפט. ענלעך לויט דער שטימונג און טעמע זענען גרויסע זיינע טעאַטער־שטיק.

דער נאָוואַטאָר אין דער דראַמע

דעם לעצטן צענדליק יאָרן פון זיין לעבן ווידמעט טשעכאָוו בעיקר דער דראַמאַטישער שאַפונג. וואָס אַן אמת שטאַמט זיין אינטערעס פאַר טעאַטער נאָך פונעם פריערדיקן פעריאָד, אָבער טשעכאָווס ערשטע דראַמע „איוואַנאָוו“ איז אַנטשטאַנען ערשט אין 1887 יאָר. דאָס איז אַ געשיכטע וועגן אַ ליבעראַלן פּריץ, וואָס האָט געפּרווט צו ראַציאָנאַליזירן די לאַנדווירטשאַפט, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל, וועלכע איז צוליב אים אַנטלאָפן פון די עלטערן און זיך געשמדט, אָבער איוואַנאָוו האָט זיך שנעל מיאש געווען און גענומען פירן אַ שאַבלאָנעם גרויען מאָנאָטאָנעם לעבן, אָן אַספּיראַציעס, אָן פּערספּעקטיוון. שוואַכקייט און קליינלעכקייט קריכט אַרויס פון זיין נשמה, און איוואַנאָוו איז דער זעלבער, ווי די, קעגן וועלכע ער האָט אַמאָל געוואָלט קעמפן. זיין קראַנקע פרוי פאַרנאַכלעסיקט ער, „ער ווייסט נישט, וואָס עס פעלט אים“, זאָגט ער. ער פאַראורטיילט זיך אַליין און באַגייט סוף כל סוף זעלבסטמאָרד.

ביז 1895 האָט טשעכאָוו שוין געהאַט אָנגעשריבן אייניקע פּיעסעס און סצענישע בילדער (אין 1885 — „ביים טראַקט“, 1887 — „דאָס שוואַנען־ליד“, 1888 — „דער בער“, 1889 — „דער טייוול“, 1889 — „ליבע־דערקלערונג“, „דער טראַגיקער קעגן זיין ווילן“, 1890 — „די חתונה“). דאָס זענען געווען אינטערעסאַנטע, אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ געשריבענע ווערק, אָבער נישט צו פאַרגלייכן מיט טשעכאָווס פּראָזע. ערשט פון 1895, זינט ער האָט אָנגעשריבן די קאָמעדיע „טשייקאַ“, הייבט זיך אָן טשעכאָווס רום אַלס דראַמאַטורג.

דער הויפּט־מאָטיוו פון „טשייקאַ“ איז דער שעפערישער אַנטוויקלונג־וועג פון דער יונגער קינסטלערין נינאַ מיכאַילאָוונאַ זאַריעטשנאַיאַ. נישט געקוקט אויף אירע מפּלות און דורכפאַלן, נאָך אַ ריי אַנטוישונגען, וואָס זי לעבט איבער ביים רעאַליזירן אירע טרוימען אויף דער וואָר, גייט זי אומבויגזאַם צום ציל און דערגרייכט אַדאַנק איר טאַלאַנט דערפאָלג. דער מחבר האָט אין פּאָעטישע בילדער געוואָלט ווייזן, אַז כדי צו דערגרייכן קינסטלערישע נצחונות, איז נישט גענוג ווייניק קיין בליאַסק און רום, נאָר מיזאַמע אַרבעט, אויסדויער, קאַמף. דער מחבר

שטעלט אַנטקעגן דער זאַריעטשנאַיאַ דעם יונגן שריפטשטעלער קאָנסטאַנטין טריעפּליעוו, וואָס איז געבליבן שטעקן אינעם כאַאָס פון דמיונות און בילדער, און הגם ער איז א טאַלאַנטירטער מענטש, האָט ער נישט באַוויזן גאָרנישט צו שאַפן, וואָרעם ער׳ האָט נישט קיין ציל, קיין גלויבן, קיין מוט און כוח.

„טשייקאַ" איז אַ פּיעסע, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט טשעכאָווס נאָכט־אַכטעניש וועגן דער מיסיע פונעם קינסטלער, מיט זיין וועלטבאַנעם און באַציונג צו דער „אַלגעמיינער אידעע". די עיקרדיקע שוואַכקייט פון טריעפּליעוון באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט נישט קיין גרויסן לעבנסציל, וואָס זאָל קענען אָנרעגן זיין טאַלאַנט. איינער׳ פון די העלדן אין דער פּיעסע זאָגט צו טריעפּליעוון: „אין אַ ווערק מוז זיין אַ קלאָר׳ באַשטימטער געדאַנק. איר דאַרפט וויסן, צוליב וואָס איר שרייבט, אנישט, אויב איר וועט וייטער גיין מיט דעם דאָזיקן שרייבערישן וועג אָן א באַשטימטן ציל, וועט איר פארבלאָנדזשען און אייער טאַלאַנט וועט אייך אומבר־ענגען".

דער זעלבער פּראָבלעם שטייט אויך פארן שרייבער טריגאָרין. אים מוטשעט אויך דער מאַנגל פון אן „אַלגעמיינער אידעע", אָן וועלכער זיין טאַלאַנט איז שווער ווי א בלייערנע קויל ביי די פיס. ער מוז שרייבן, אָבער׳ ער האָט נישט ליב דאָס, וואָס ער שרייבט, פילט אין דעם פאַלשקייט. ער איז בלויז אַ מעיקער באַלמעלאָכע, נישט קיין גרויסער שעפער. פון טריגאָרינס מחשבות דרינגט אַרויס, אַז די קונסט איז נאָר דעמלט נישט פאַרפעלשט, ווען זי ווייזט אָן אַ וועג צו דער צוקונפט. עס איז נישט גענוג פאַרן קינסטלער, ער זאָל ליב האָבן זיין פאָטערלאַנד און זיין פאָלק — ער׳ דאַרף העלפן דעם פאָטערלאַנד אַנטשיידן די פּרינציפּיעלע צייט־פּראָבלעמען, גיין פאָרויס מיטן לעבן, מיט דער פאָרגעשריטענער וויסנשאַפט, מיטן פאָרגעשריטענעם וועלט־באַנעם. גיין פאָרויס און נישט בלייבן הינטערשטעליק.

הגם „טשייקאַ" איז א דורכויס רעאַליסטישע פּיעסע און איר טעמע איז גענומען פונעם טאָגטעגלעכן לעבן, שיינט זי מיט אלע רעגנבויגן־קאָלירן פון פּאָעזיע. די פּאָעטישקייט פון דער „טשייקאַ" האָט גורם געווען, אַז די פּיעסע האָט... געליטן אַ דורכפאַל אויף דער בינע פונעם מלוכהשן טעאַטער אין 1896 יאָר. דער דאָזיקער׳ טעאַטער איז נישט געווען דערוואַקסן צו דער נאָוואַטאָרישקייט פון טשעכאָווס דראַמע. ערשט צוויי יאָר שפּעטער׳, אין יאָר 1898, האָט „טשייקאַ" אָפּגעהאַלטן א פאַרדינטן גרויסן דערפאָלג אינעם ניי־געעפנטן קינסטלערישן טעאַטער, מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט דער שרייבער׳ ניעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ און דער געניאַלער׳ קינסטלער סטאַניסלאַווסקי.

אין 1897 יאָר האָט טשעכאָוו פאַרענדיקט א וויטערדיקע פּיעסע א. נ. „דער פעטער וואַניאַ". דער הויפּט־העלד פון דער פּיעסע האָט פאַרטאַכלעוועט זיין לעבן אין דינסט פון אַ „פאַלשן אָפּגאָט", האָט זיך מקריב געווען, כדי צו דער=

לייכטערן דעם לעבנסוועג זיין קוזין, וועלכן ער האַלט פאַר אַ געני. ער איבערצייגט זיך אָבער, אַז דער פּלימעניק זייגער — פּראָפּ. סיעריעבריאַקאָוו איז ווי אַ געלערנטער אַ קיילעכיקער גול, אַז ער האָט נישט געשאַפן קיין שום אָריגינעלע און ווערטפולע זאַך, ער האָט בלויז במשך פון פינף און צוואַנציק יאָר געמאַלעגיירעט פרעמדע געדאַנקען און באַהערשט די קונסט פון זעלבסט־רעקלאַמע. ווי אַ מענטש איז פּראָפּ. סיעריעבריאַקאָוו פול מיט איינגערעדעניש, אַן אָנגעבלאָזענער, עגאָיסטישער זקן, אָן אַ ברעקל געפיל פאַר די נאָענטע, וואָס האָבן זיך פאַר אים מקריב געווען. סיעריייעבריאַקאָווס נישטיקייט, געפּאָרט מיט זיין אומדאַנקבאַרקייט, רופט אַרויס אַ „בונט“ ביים פעטער וואַניאַ. אַ פאַ־צווייפלטער שליידערט ער סיעריעבריאַקאָוון דעם אמת אין פּנים אַריין:

„האָסט אַ תל געמאַכט פון מיין לעבן! כ'האָב נישט געלעבט, כ'האָב אינגאַנצן נישט געלעבט! צוליב דיר האָב איך פאַרטאַכלעוועט די בעסטע יאָרן פון מיין לעבן. ביסט מיין ערגסטער שונא... מיין לעבן איז פאַרפאַלן! מיין טאַלאַנט, שכל, מוט... ווען איך וואָלט נאָרמאַל געלעבט, וואָלט איך אפשר געוואָרן אַ שאָפּענהאַוער“...

וואַניאַ איז אפשר נישט שטאַרק מגזם, בעת ער זאָגט, אַז ער וואָלט „אפשר געוואָרן אַ שאָפּענהאַוער“. במשך פון דריי אַקטן זעען מיר אין אים אַ זייער פעיִקן מענטש, וואָס וואָלט געקאָנט דערגרייכן גרויסע זאַכן, ווען זיין לעבן וואָלט זיך געשטאַלטיקט אַנדערש. איצט איז שוין צו שפּעט. אין גרויס פאַרצווייפלונג שיסט וואַניאַ אויף סיעריעבריאַקאָוון. ער טרעפט נישט. דערנאָך טראַכט ער אַ צייט וועגן זעלבסטמאָרד, אָבער אונטערן איינפלוס פון זיין פּלימעניצע, דער גוטער און קלוגער טאַניע, פאַרוואַרפט ער דעם דאָזיקן געדאַנק און זוכט צו פאַרגעסן זיך אין קאָנקרעטער אַרבעט. אָבער די דאָזיקע אַרבעט ברענגט אים שוין נישט קיין גליק. דער פעטער וואַניאַ האָט פאַרלוירן זיין „אַלגעמיינע אידעע“, אין וועלכער ער האָט פריער געגלויבט — די אידעע פון זיך מקריב זיין אין נאָמען פון דער וויסנשאַפט, פּראָגרעס און שכל, וואָס זייער תיקון האָט ער געזען אינעם פּראָפּ. סיעריעבריאַקאָוו.

די פּיעסע אַנטהאַלט אַן אַפּאָטעאָז פון אַרבעט. „אַ פויל לעבן קאָן נישט זיין קיין לעבן“ — זאָגט איינער פון די העלדן. אָבער דער מחבר מאַכט נישט קיין סוד דערפון, אַז אינעם עקזיסטירנדיקן סיסטעם קאָן די אַרבעט אויך נישט ברענגען קיין גליק. פעטער וואַניאַ האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האָט געאַרבעט אומזיסט. אַן אַנדער העלד פון דער פּיעסע, דער דאָקטאָר אַסטראָוו, אַן אַרבעטזאַמער, שעפערישער מענטש, זאָגט: „ווען דו גייסט אין אַ פינצטערער נאַכט דורך אַ וואַלד און זעסט פונווייטנס אַ פלעמל, פילסטו נישט די פינצטערניש און די מידקייט, און אויך נישט די שטעכיקע צווייגן, וואָס שלאָגן דיין פּנים... איך אַרבעט... ווי קיינער אינעם פּאָוויאַט, דער גורל טרייסלט מיט מיר

אומאויפהערלעך, איך לייד מאָמענטנווייז אומדערטרעגלעך, נאָר קיין שום פּלעמעלע זע איך נישט"...

ווען דעם גייט עס טאַקע. אַסטראָוו, און צוזאַמען מיט אים דער מחבר, האָט נאָך נישט געזען קיין שום לייכטנדיקן פּלאַם פאַר זיין דור. אין דער פּיעסע רעדט זיך, וואָס אַז אמת, וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ בעסער לעבן, אָבער ערשט אין דער ווייטער צוקונפט, אין 100—200 יאָר אַרום. די איצטיקע ווירקלעכ־קייט איז אָפּשטויסנדיק.

„אונדזער לאַגע, סיי מיינע, סיי דיינע, איז האָפענונגסלאָז" — זאָגט אַס־טראָוו צום פעטער וואַניאַ. „אויפן גאַנצן פּאָוויאַט זענען געווען בלויז צוויי ערנס־טע, אינטעליגענטע מענטשן — דו און איך... אָבער במשך פון אַ עטלעכן צען יאָר האָט דאָס שפּלדיקע לעבן, דאָס נידערטרעכטיקע לעבן אונדז אַריינגעצויגן מיט זיינע פאַרפּוילטע מיאַזמאַטן, פאַרסמט אונדזער בלוט און מיר זענען געוואָרן פּונקט אַזוי שפּלדיק, ווי אַלע"...

די טראַגעדיע פון פעטער וואַניאַ, וואָס האָט מקריב געווען זיין יוגנט, פּעי־קייטן און לעבן פאַר אַ נידערטרעכטיקן אויסנוצער, איז נישט געווען בלויז זיין פּערזענלעכע טראַגעדיע. זי איז אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון אַ סימבאָל. אַזוי האָבן דאָס פאַרשטאַנען די פאָרגעשריטענע מענטשן פון דער עפּאָכע. גאָרקי האָט געשריבן אין אַ בריוו צו טשעכאָוון:

„די טעג האָב איך געזען דעם „פעטער וואַניאַ", כ'האָב געקוקט און געוויינט, ווי אַ באַבע, הגם איך בין לגמרי נישט קיין נערוועזשער; כ'בין אַהיימגעקומען אַ פאַרטויבטער, אַ דערדריקטער פון אייער פּיעסע, כ'האָב צו אייך אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו — און אים צעריסן. עס איז אוממעגלעך אויסצודריקן גענוי און קלאָר, וואָס די דאָזיקע פּיעסע רופט אַרויס אין דער נשמה, אָבער איך האָב גע־פילט, קוקנדיק אויף אירע העלדן, ווי מען וואָלט מיך אַדורכגעזעגט מיט אַ זעג. אירע ציין שניידן זיך איין די־רעקט אינעם האַרץ און דאָס האַרץ אונטער זייער שניט קורטשעט זיך איין, זיפצט, רייסט זיך. לויט מיר, איז דאָס אַ שרעקלעכע זאַך דער דאָזיקער „פעטער וואַניאַ" אייערער, דאָס איז אַ פולשטענדיק נייער זשאַנער פון דראַמאַטורגישער שאַפונג, אַ האַמער, מיט וועלכן איר שמעטערט אין די פּוסטע קעפּ פון פּובליקום"...

אין אַ צווייטן בריוו שרייבט גאָרקי: „מען זאָגט, למשל, אַז דער „פעטער וואַניאַ" און „טשייקאַ" — דאָס איז אַ נייער מין דראַמאַטורגיש שאַפן, אין וועלכן דער רעאַליזם דערהייבט זיך צו אַ באַגייסטערט־ן און טיף דורכגעטראַכטן סימ־באָל. איך מיין, אַז מען זאָגט דאָס פולשטענדיק ריכטיק. הערנדיק אייער פּיעסע, האָב איך געטראַכט וועגן אַ לעבן, וואָס ווערט געבראַכט אַלס קרבן פאַר אַ געטש, וועגן דער אינטערוועניץ פון שיינקייט אינעם מענטשלעכן לעבן און וועגן אַ ריי

אַנדערע פּרינציפּיעלע און וויכטיקע זאַכן. אַנדער־ע דראַמעס רייסן נישט אָפּ דעם מענטש פון דעם רעאַלן צום פּאַראַלעמיינערטן, אייער־ע — טוען דאָס יאָ."

אומעטיק איז די סימבאָליק פון „פּעטער וואַניאַ". עס דוכט, אַז עס איז קיין אויסוועג נישטאָ. אָבער, ווי געזאָגט, זענען אינעם מחבר גופא פאָרגעקומען ערנסטע ענדערונגען אונטער דעם דרוק פון די געשעענישן אויף דער שוועל פון נייעם יאָרהונדערט. דער רוסישער שרייבער ווערעסאַיעוו האָט דאָס פאַרשטאַנען און געשריבן וועגן טשעכאָוון פון די נייַנציקער יאָרן: „אַצינד איז דאָס געווען גאָר אַן אַנדער מענטש: ווארשיינלעך האָט די רעוואָלוציאָנערע עלעקטריציטעט, מיט וועלכער די לופט איז צו יענער צייט געווען אָנגעלאָדן, אויפגעשטורעמט אויך טשעכאָווס נשמה. גאָרקי האָט פאַרצייכנט טשעכאָווס ווערטער: „איך פיל, אַז אַצינד דאַרף מען שרייבן און נישט וועגן דעם, וואָס ביז איצט, נאָר עפּעס אַנדערש, אויף עפּעס אַן אַנדערן אופן, פאַר עמעצן אַנדערש, אַ שטרענגן און ערלעכן"...

דאָס פאָרגעפיל, אַז עס קומט אָן אַ פּרינציפּיעלע ענדערונג פון די לעבנסיסודות, איז אַ דאָמינירנדיקער שטריך פון דער ווייטערדיקער לויט דער ריי פּיעסע — „די דריי שוועסטער".

די דאָזיקע פּיעסע האָט דער מחבר אָנגעשריבן אין 1901 יאָר. דער שרייבער האָט זיך באַטייליקט אין די פּראָבעס פונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער און געמאַכט דערביי פאַרשידענע אויסבעסערונגען צום לכתחילהדיקן טעקסט. די אורפּרעמיערע איז פאָרגעקומען דעם 31סטן יאַנואַר 1901. טשעכאָוו איז אָבער אויף איר נישט געווען, וואָרעם ער איז אַוועקגעפאָרן קיין איטאַליע קורירן זיך.

דער סיוזשעט פון די „דריי שוועסטער" איז ווידעראַמאָל אַ צעפּטרט לעבן פון עטלעכע מענטשן — פרויען און מענער — אַ לעבן, וואָס איז פאַרטאַכלעוועט געוואָרן צוליב דער סביבה, אין וועלכער די מענטשן געפינען זיך. אָבער נישט נאָר דאָס — אין קעגנזאַץ צו די פריערדיקע פּיעסן, לאָזט זיך מערקן אַ געוויסע דיסטאַנץ, וואָס טיילט אָפּ דעם מחבר פון זיינע העלדן. דער מחבר באַציט זיך ווי תמיד מיט סימפּאַטיע צו זיינע העלדן, אָבער ס'איז קאָנטיק, אַז ער וויטיקט שוין נישט אַזוי שטאַרק איבער זייער טראַגעדיע און ליידט נישט אַזוי צוליב זיי ווי אין אַנדער־ע ווערק. ער באַציט זיך צו זייער אומגליק מיט אַ געוויסער איראָניע. געוויס איז שולדיק די סביבה, אַז ס'ווערט אַ תל פון גוטע, אינטעליגענטע מענטשן, אָבער צי זענען אויך נישט די דאָזיקע מענטשן זיך אַליין שולדיק? צי מאַכן זיי אַליין אין אַ גרויסער מאָס נישט אַ תל פון זייער לעבן, פעיקייטן און האָפענונגען, צוליב זייער אייגענער שוואַכקייט, וואָס איז נישט מוחל צו זיין? די דאָזיקע פראַגע קלינגט זייער בולט אין די „דריי שוועסטער". דאָס איז אַ ספּעציפישער פאַר טשעכאָוון, אַ דורכויס נאָוואַטאָרישער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון

דראַמאַטורגישן שאַפן. „די דריי שוועסטער“ זענען נישט אין גאַנצן זין פון וואָרט קיין טראַגעדיע און אויך נישט קיין קאָמעדיע. ווי אין לעבן פלעכט זיך דאָ דורך דאָס טראַגישע מיטן קאָמישן, נישט איין טיפער און ערנסטער געדאַנק איז פאַרבאַהאַלטן אין די וויצן, וועלכע דערגייען צו אונדז פון דער בינע. פאַלקאָווניק ווערשינין, אַ מענטש מיט אַ בריליאַנטענער נשמה, האָט אַ צעבראָכן לעבן, ווייל ער ווערט געפייניקט דורך זיין ווייב און קינדער. עס פאַלט אַ פראַגע: „פאַרוואָס פייניקט ע ר נישט זיין ווייב און די קינדער?“ דאָס איז, נאַטירלעך, אַ וויץ, אָבער אַ סימבאָלישער וויץ. פאַרוואָס מאַכט איר אַזוי לייכט שלום מיט אַ לעבן, וואָס מ'האָט אייך אָנגעוואָרפן? — פרעגט דער שרייבער. פאַרוואָס הערט אויף צו גלייבן אין זיינע כוחות און פאַלט אַריין אין אָנמאַכט אַנדריי פּראָזאָראָוו, איינער פון די העלדן אין דער פּיעסע, אַ יונגער געלערנטער, וואָס וואָלט געקאָנט אַדאַנק זיינע פעיקייטן זיין דער שטאָלץ פון דער וויסנשאַפט? פאַרוואָס לאָזט ער זיך דערנידעריקן צו דעם, אַז אונטער דער השפעה פון זיין באַלעבאַטישער ווייב באַטראַכט ער אַפילו פאַר אַ כבוד, וואָס מען האָט אים געוויילט אין דער זיעמסקער פאַרוואַלטונג?* פאַרוואָס קלאָגן נאָר און וויינען די דריי שוועסטער פּראָזאָראָוו, געבילדעטע, אינטעליגענטע און איידעלע, פאַרוואָס ווערן זיי פאַרוויאַנעט און צעפּטרן זייער לעבן אין דעם בירגערלעכן געמויזעכץ און דעצידירן זיך נישט אויף אַ פּראָטעסט, אויף אַ בונט, אויף מעשים, מיט וועלכע זיי זאָלן געמען רעאַליזירן דעם טרוים וועגן אַ שיין, ליכטיק לעבן? דער מחבר קוקט איצט אויף די נויטן און דאַגות פון זיינע העלדן ווי פון אַ געוויסער צייט-פּערספּעקטיוו, ווי ער וואָלט וועלן וויזן, אַז די דאָזיקע וועלט לעבט שוין אָפּ אירע לעצטע טעג, גוססט שוין, און אַז שוין נאָר בקרוב וועלן די געשעענישן, די מענטשן און זייער לעבן, וואָס ווערט געשילדערט אין דער פּיעסע, זיך אונדז אַליין אויסדוכטן נישטיק, נישט וויכטיק, אַפילו נאַריש. דו פילסט, אַז ס'קומט אָן אַ נייַ לעבן און אַז עס איז שוין נאָענט!

„עס איז געקומען אַ צייט, וועט אויף אונדז אַלעמען רוקט זיך אָן עפּעס אומגעהויערס, עס גרייט זיך אַ פעסטער, שטאַרקער שטורעם. ער דערנענטערט זיך, ער איז שוין דאָ אָט דאָ, און ער וועט באַלד נעמען אויסקערן פון אונדזער געזעלשאַפט כל המינים פוילקייט, גלייכגילטיקייט, ווידערווילן צו אַרבעט, פאַרפוילטע לאַנגווייליקייט. איך וועל אַרבעטן, און אין פינף און צוואָנציק — דרייסיק יאָר אַרום, וועט שוין אַרבעטן יעדער מענטש“ — אַזוי זאָגט איינער פון די העלדן אין דער פּיעסע.

* זיעמסטווא — אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג-אינסטיטוציע, וואָס איז באַשטאַנען פון שליחים מצד די פּריצים, בורזשואַזיע און רייכע פּויערים. די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט עקזיסטירט אין די גובערניעס און פּאָוויאַטן פון 1864 ביז צו דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע.

אין אַנבליק פון אַט דעם אָנקומענדיקן שטורעם טרעט אַרויס נאָך שאַרפער די מענטשלעכע שוואַכקייט אין די „דריי שוועסטער“.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, ווי עס איז ביי טשעכאָוו אָנגעוואַקסן בהדרגה דער באַוווסטזיין פון דער נויטווענדיקייט אַקטיוו צו קעמפן מיטן שלעכטס. אָנהייבנדיק פון די ניינציקער יאָרן געשטאַלטיקט זיך ביי אים אַלץ דייטלעכער דער ווידערווילן צו שוואַכקייט און פוילקייט, די בענקשאַפט צו מעשים, די ליבע צו שטאַרקע מענטשן, וואָס זענען פעיק צו קעמפן. די דאָזיקע געפילן האָבן זיך פאַרשטאַרקט אין די פאַררעוואָלוציע-יאָרן. קיינמאָל ביז איצט האָט זיך נישט געפילט אין זיינע ווערק אַזאַ בענקשאַפט צו מענטשן, וואָס זענען אומבייגזאַם אין קאַמף פאַרן מענטשלעכן גליק און פאַר פרייהייט, קיינמאָל ביז איצט האָט ער אַזוי שאַרף נישט פאַראורטיילט ווייכלייביקייט, סתירותדיקייט צווישן וואָרט און טאַט און אַנדערע חסרונות פון דער דעמלטיקער אינטעליגענץ. טשעכאָוו שילדערט מיט איראָניע זיינע אינטעליגענטישע העלדן, וואָס קענען שיין טרוימען און רעדן וועגן דעם, אַז אין צוויי הונדערט יאָר אַרום וועט דאָס לעבן זיין שענער און בעסער, און קאָנען נישט קעמפן דערפאַר, אַז „דער דאָזיקער בעסערער מאָרגן זאָל קומען מאָרגן“, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט אין אַ שמועס מיט גאָרקין.

איינער פון טשעכאָווס העלדן חזרט איבער די דאָזיקע ווערטער:

„איר זאָגט, אַז נאָך אַ סך יאָרן וועט דאָס לעבן אויף דער ערד זיין שיין און וווּנדערבאַר. דאָס איז אמת. אָבער כדי אין אים שוין איצט צו נעמען אַן אָנטייל, כאָטשבי פונווייטנס, דאַרף מען זיך צו אים גרייטן, מוז מען אַרבעטן...“

צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים זאָגט ער נישט אַרויס דאָס וואָרט „קעמפן“. אָבער דאָס איז דער זין פון דער פיעסע. די שיינע טרוימען, די דערהויבענע געדאַנקען, ווילן און פעיקייטן האָבן קיין שום ווערט, בעת דער מענטש טאָפּטשעט אין דראָבנע דאגות, אין אַלטעגלעכע שוועריקייטן, ווען ער ווערט פאַרעיפּושט און מאַכט שלום מיט דעם, וואָס עס איז. עס איז נייטיק צו קאָנצענטרירן די אייגענע ענערגיע, צו גיין פאָרויס, צו קעמפן פאַר די רעכט פון אַ בעסער לעבן, נישט אונטערגעבן זיך, קעמפן.

אַזאַ איז געווען די לערע, וואָס דער שרייבער האָט געגעבן דער רוסישער אינטעליגענץ אין די „דריי שוועסטער“.

טשעכאָווס לעצטע פיעסע „דער קאַרשן-גאָרטן“ שטעלט פאָר דעם העכסטן אַנטוויקלונגס-עטאַפּ פון זיין דראַמאַטישן שאַפן און איז אַריין אין דער ליטעראַטור אונטערן נאָמען „די לירישע דראַמע“. דאָס איז באמת אַ געניאַלע ממש פאַראייניקונג פון ליריק מיט דראַמאַטישער קונסט.

שרייבנדיק פאַר דער בינע, האָט טשעכאָוו געהאַט דעם טיפן באַוווסטזיין,

אַז די טראַדיציאָנעלע דראַמע־פאָרם איז אין אַ געוויסער מאָס באַגרענעצט און פאַרעלטערט, אַז זי איז געבליבן הינטערשטעליק לגבי דעם לעבן.

„מען פאַרלאַנגט, — האָט ער געשריבן, — אַז דער העלד און די העלדין זאָלן זיין סצעניש עפעקטפול. אָבער אין לעבן שיסט מען זיך דאָך נישט, הענגט מען זיך נישט און מען דערקלערט זיך נישט אין ליבע יעדע רגע. און נישט יעדע רגע רעדט מען קלוגע רייד. זיי (די מענטשן) טוען, עסן, טרינקען, שלעפן זיך אַרום, רעדן נאַרישקייטן. מען וואָלט באַדאַרפט אָנשרייבן אַ פּיעסע, אין וועלכער מענטשן זאָלן אַריינקומען, אַרויסגיין, עסן מיטאָג, רעדן וועגן וועטער, שפּילן אין קאָרטן, נישט מחמת אַזוי געפעלט דעם מחבר, נאָר ווייל אַזוי געשעט עס אינעם ווירקלעכן לעבן... עס איז נייטיק, דאָס לעבן זאָל זיין אַזוי ווי עס איז און די מענטשן אַזוי ווי זיי זענען, און נישט ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אויף שטאָלצן“...

אין טשעכאָווס בליק אויף דער דראַמאַטישער קונסט זעען מיר דעם ווידערווילן צו דער פאַלשער אינטריגע, סצענישער שטייפקייט און ביליקע עפעקטן פונעם טראַדיציאָנעלן טעאַטער. אויף דער בינע דאַרף אַלץ זיין אַזוי ווי אין לעבן — אָט דאָס איז טשעכאָווס פּאַראָל, דער דעוויז פון טשעכאָוון דעם דראַמאַטורג און גרויסן קינסטלער. די דאָזיקע פּשטות דאַרף נישט אויסשליסן, לויט זיין מיינונג, נאָר, פאַרקערט, דערמעגלעכן אַ פרישקייט און אָריגינעלקייט פון דער דראַמאַטישער פאָרם. אין איינעם פון זיינע בריוו האָט ער איראָניש געשריבן: „ווער עס וועט אויסגעפינען אַן אַנדערן, נייעם סוף פאַר אַ פּיעסע, וועט שאַפן אַ נייע עפּאָכע. העלד, אָדער האָב חתונה, אָדער דערשיס זיך, קיין אַנדער אויסוועג איז נישט פאַראַן!“... טשעכאָוו האָט טאַקע אין זיינע דראַמעס געוויזן, אַז ס'איז פאַראַן אַן אַנדער אויסוועג, נישט נאָר כדי צו פאַרענדיקן אַ פּיעסע, נאָר כדי זי אָריגינעל און אינטערעסאַנט פאַנאַנדערצובויען...

דעם „קאַרשן־גאָרטן“ האָט טשעכאָוו אָנגעשריבן אין יאָר 1903. אין אַ יאָר שפּעטער איז די פּיעסע געשטעלט געוואָרן אויף דער בינע פונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער, צו דער זעלבער צייט איז זי דערשינען אין אַ בוך־פאָרם.

איר אינהאַלט איז זייער אַן איינפאַכער: דער גוט פון דער פּריצה ראַניעווסקאַיאַ ווערט צוזאַמען מיטן קאַרשן־גאָרטן אויסגעשטעלט אויף ליציטאַציע צוליב חובות. אַרום דעם דאָזיקן פאַקט ווערט אויפגעבויט די אַקציע. פאַרשטייט זיך, ראַניעווסקאַיאַ און איר ברודער גאַיעוו לעבן איבער דעם פאַרקויף פון מאַיאָנטעק ווי אַ גרויסע טראַגעדיע. אָבער באַלד איבערצייגן זיי זיך, אַז דאָס אומגליק איז נישט ווידער אַזוי גרויס. מען קאָן משמעות לעבן אָן אַ קאַרשן־גאָרטן אויך. ראַניעווסקאַיאַ פאָרט קיין פּאַריז, ווו זי האָט סייווי געזאָלט אַוועק, און איר ברודערל אָרדנט זיך איין אויף אַ גוט באַצאָלטן פּאָסטן...

אינעם „קאַרשן־גאָרטן“ טרעטן אַרויס די צוממערסטן כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון טשעכאָווס דראַמאַטישן טאַלאַנט. עס דערשטוינט ממש די

אויסערגעוויינלעכע שיינקייט פון דער ביז גאָר פּשוטער פאַבל און סובטעל אָנגעצייכנטער אַקציע. אין שטרענגען זין פון וואָרט איז אַפילו דאָ בכלל נישט פאַראַן קיין דראַמאַטישע אַקציע. עס איז אויך נישט פאַראַן קיין קאָמפּליצירטע אינטריגע און קיין שום עפעקטפולער באַשייד. טשעכאָוו גופא האָט זיך געריכט דערמיט, אַז אין דער פּיעסע איז צומאָל „נישטאָ קיין איין שאָס". דאָס מערקווירדיקסטע פון זיין פּיעסע איז נישט די אינטריגע, ווי אינעם טראַדיציאָנעלן טעאַטער, נאָר איר אַלגעמיינער אידעיש-קינסטלערישער קלימאַט, איר אַלגעמיינע שטימונג, אַרויסגערופן דורכן צוזאַמענשפּיל פון אַלע סצעניש מיטלען.

יעדע סצענע פון דער פּיעסע איז פון אָנהייב ביזן סוף באַהויכט מיט אַ סובטילן, טיפן ליריזם. עס בייטן זיך די שטימונגען אויף דער בינע, ווי בילדער אין אַ קאַליידאָסקאָפּ: טיפער אומעט, סענטימענטאַלע אַנטציקונג, ראָמאַנטישער טרוים — אַלץ איז פול מיט טיפן לעבנס-אמת. דער דאָזיקער ליריזם זינגט אַרויס קודם כל פון דעם, וואָס עס זאָגן די אויפטרעטנדיקע פּערזאָנען. אָבער נישט נאָר דאָס. אַ גרויסע ראָל שפּילן ביי טשעכאָוון נישט נאָר די איבערלעבונגען און די אַרויסזאָגן פון די העלדן, נאָר דער גאַנצער סיסטעם סצעניש מיטלען, דאָס אַלץ, וואָס דער צושויער זעט אויף דער בינע. דער מחבר נוצט אויס יעדע קלייניקייט, וואָס קאָן פאַרשטאַרקן די עמאָציאָנעלע באַווירקונג פון דער פּיעסע. אַזאַ זייער שטאַרקער ווירקונג-מיטל איז דער פּייזאַזש און זיינע ענדערונגען, למשל, די אויפגייענדיקע זון און די ווייסע בלומען פונעם קאַרשן-גאָרטן אינעם ערשטן אַקט, דער זון-פאַרגאַנג אינעם צווייטן אַקט. נישט ווייניקער וויכטיק זענען די אַקוסטישע עפעקטן: דער ווייטער, אָפּשטאַרבנדיקער און טרויעריקער קלאַנג פון אַ געפּלאַצטער סטרונע, שטילע מוזיק, אַ טעמפּער קלאַפּ פון אַ האַק אין בוים. די דאָזיקע טעמפּע קלעפּ פון דער האַק אין די שטאַמען פונעם קאַרשן-גאָרטן בעתן דריטן אַקט האָבן אַ זייער וויכטיקע באַדייטונג אין דער קאָמפּאָזיציע פון דער פּיעסע: זיי סימבאָליזירן דאָס פאַרניכטן דעם קאַרשן-גאָרטן, די שקיעה פון דער „אַדעליקער" נעסט און פון אירע שוין אומנוציקע פאַרן לעבן באַלעבאַטים.

דער שעפער פונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער ק. ס. סטאַניסלאַווסקי, אָפּשאַצנדיק די דאָזיקע זייט פון טשעכאָווס דראַמאַטורגישער טעכניק, האָט געשריבן:

„טשעכאָוו באַהערשט אויף דער בינע מיט דער זעלבער ווירטואָזיטעט סיי דעם אויסערלעכן, סיי דעם אינערלעכן אמת. ער האָט פאַרפולקאָמט און פאַרטיפערט אונדזער וויסן וועגן דעם לעבן פון זאַכן, קלאַנגען און ליכט אויף דער בינע, וואָס האָבן אין טעאַטער, ווי אין לעבן, אַן אומגעהויערן איינפלוס אויף דער מענטשלעכער נשמה."

פאַרשטאַרקנדיק מיט פאַרשידנאַרטיקע מיטלען די שטימונג אין דער פּיעסע,

האָט טשעכאָוו באַוויזן פונדעסטוועגן אויסצומיידן מאָנאָטאָנקייט אין דער שטימונג. ער דערגרייכט דאָס אַדאַנק דעם קאָנטראַסטירנדיקן צוזאַמענשפּיל פון טראַגישע און קאָמישע עלעמענטן. די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון טשעכאָווס קונסט אַנטשפּרעכט טאַקע זיין פּרינציפּיעלער איינשטעלונג צו שילדערן אויף דער בינע דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז. „דער קאַרשן־גאָרטן“ איז די בולטסטע אילוסטראַציע, ווי געניאַל טשעכאָוו האָט באַוויזן צו רעאַליזירן זיין טעאָריע פון דראַמאַטישער קונסט.

„דער קאַרשן־גאָרטן“ איז פונעם קינסטלערישן שטאַנדפּונקט אַ שעדעוור. דאָס איז אַ פּיעסע פון טיפן אידעישן אינהאַלט. דאָס איז נישט נאָר אַ רעאַליסטישע פאָרשטעלונג פון אַ לעבנס־געשעעניש, נישט נאָר אַ פּסיכאָלאָגיש־שטייגערישע דראַמע, נאָר אויך אַ סאָציאַל־שאַרפע דראַמע. דער רעאַליזם פונעם שרייבער וואַקסט ווידעראַמאָל אויס צו אַ סימבאָל. „דער קאַרשן־גאָרטן“ — דאָס איז אַ זיי־געזונט דער אַלטער אָפּשטאַרבנדיקער וועלט, אַ באַגריסונג פאַר דער נייער. מיר געזעגענען די אַלטע וועלט אָן מיטגעפיל, אָבער מיט אַ שמייכל. אין דער פּיעסע זעען מיר, ווי לעבערלעך עס זענען די אָפּגעלעבטע פאָרמען, ווי קאָמיש און שוואַך די מענטשן, וואָס לעבן נאָך אין די דאָזיקע פאָרמען. מיט איראָניע באַציט זיך דער מחבר צו די געוועזענע גוט־באַזיצער, זיי רופן אַרויס געלעכטער, אַפילו ווען זיי פאַרגיסן טרערן, זייער טראַגעדיע איז נאָך קיין טראַגעדיע נישט און פאַרוואַנדלט זיך מאָמענטנווייז אַפילו אין אַ פאַרס. די דאָזיקע מענטשן פאַרשטייען נישט די ווירקלעכקייט, זיי פאַרשטייען נישט, וויאַזוי און צו וואָס זיי לעבן. טשעכאָוו האָט פערזענלעך צוגעהיט, אַז ביי דער רעזשיסערישער באַרבעטונג זאָלן אַרויסגעהויבן ווערן די קאָמישע עלעמענטן פון דער פּיעסע. ער האָט געוואָלט, אַז דער גאַנצער טעאַטער־עולם זאָל לאַכן פון דער נישטיקייט פון דעם צעפאַלנדיקן לעבנס־שטייגער.

„דער קאַרשן־גאָרטן“ איז אַ סימבאָל פון אונטער־גייענדיקער שיינקייט, וואָס קאָן שוין נישט ברענגען קיינעם קיין שום נוצן, און זי האָט זיך געהאַלטן אויף די ליידן פון לעבעדיקע מענטשן. איינער פון די העלדן אין דער פּיעסע, דער סטודענט טראָפימאָוו, זאָגט צו אַניאַן, ראַניעווסקאַיאַס טאָכטער:

„...אייערע אַלע אָבות זענען גרויסע גוטבאַזיצער. צי קוקן נישט אַרויס פון יעדן קאַרש אינעם סאָד מענטשלעכע וועזנס, צי הערט איר נישט זייערע שטימען?“...

די אונטערגייענדיקע שיינקייט, די פּאָעזיע פון „אַדעליקע נעסטן“ געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. באַלעבאָס פונעם קאַרשן־גאָרטן ווערט דער קאַפּיטאַליסט לאָפּאַכין, אַ קלוגער, ענערגישער מענטש, וואָס קאָנצענטרירט זיין גאַנצע ענערגיע אין דער ריכטונג פון פאַרגרעסערן זיין ריזיק פאַרמעגן. ער וואָלט אַפילו געווען גאַנץ סימפּאַטיש, ווען נישט זיין באַשעפטיקונג, וואָס מאַכט אים פאַר אַ „רויב=

היה“, ווי עס זאָגט דער סטודענט טראָפימאָוו. כאָטש לאָפּאַכין ווייזט אַפילו אַרויס אַ געוויסע פאַרשטענדעניש פאַר פּאָעזיע, איז דאָס וויכטיקסטע ביי אים זיין פערזענלעכער נוצן און געלט. ער הייסט אויסהאַקן דעם קאַרשן־גאָרטן, כדי צו פאַרצעלירן די ערד פאַר דאַטשניקעס. די קעגנוואַרט, אין וועלכער עס הערשן די לאָפּאַכינס, איז נישט בעסער איידער די פאַרגאַנגענהייט פון די ראַניעווסקיס און גאַיעווס. דער סטודענט טראָפימאָוו זאָגט פאַרביטערט:

„אַלע זענען ערנסט, אַלע האָבן אַן ערנסטע מינע, אַלע רעדן בלויז וועגן ערנסטע זאַכן, פילאָזאָפירן און קוקן זיך גלייכגילטיק צו, ווי אַרבעטער עסן שרעקלעך, שלאָפן אָן אַ קישן, זאַלבעדרייסיק, זאַלבעפערציק אין אַ שטוב, אומעטום וואַנצן, געשטאַנק, מאָראַלישע שמוץ... קלאָר, אַז אַלע אונדזערע שיינע רייד דינען בלויז דערצו, כדי צו פאַרשטעלן די אויגן זיך און אַנדערע“.

שרעקלעך איז די וועלט, אין וועלכער עס באַלעבאַטעווען די לאָפּאַכינס, שרעקלעך איז די קעגנוואַרט. אָבער די רעדער פון דער געשיכטע דרייען זיך פאָרויס. די צוקונפט וועט נישט געהערן צו די לאָפּאַכינס. ס'קומען אָן אַנדערע מענטשן. טראָפימאָוו זאָגט:

„דאָס גליק רוקט זיך אָן, איז אַלץ נענטער, כ'הער זיינע טריט. און אויב מיר וועלן אים נישט זען, אויב מיר וועלן אים נישט דערקענען, טאָ וואָס איז דאָ דער אומגליק? וועלן עס דערפאַר אַנדער־ע זען!“.

ס'וועט אַנטשטיין אַ נייע שיינקייט, אַ לעבעדיקע שיינקייט, פאַר אַלעמען אַ צוטריטלעכע, וואָס דינט דעם מענטשלעכן גליק, נישט די ראַניעווסקיס, נאָר דער גאַנצער מענטשהייט. „מירן פאַרפלאַנצן אַ נייעם סאָד, אַ פּרעכטיקערן פון דעם“ — רופט אויס אַניאַ אינעם לעצטן אַקט. און דער צושויער האָט אַ גרונט צו גלויבן, אַז אַזוי וועט עס אין דער אמתן זיין. די ראַניעווסקאַיאַ און גאַיעוו, די מאַגעקינען פון דער אונטערגייענדיקער עפּאָכע, וועלן שוין נישט זען אָט דעם נייעם גאָרטן — דאָס נייע, גליקלעכע לעבן. זיי זענען דאָס נישט ראוי. אָבער זיכער וועלן עס זען דער סטודענט טראָפימאָוו און אַניאַ. אַניאַ באַדויערט נישט די „אָפּגעלעבטע פּאָרמען“ און די פאַרשימלטע שליאַכטישע נעסט, נאָר פרייט זיך, אַז ענדלעך האָט מען זי צעשטערט, וואָרום זי וויל נישט אַרומגיין פוסט און־פּאַס און לעבן אָן אַ ציל און זין, זי וויל אַרבעטן און קעמפן פאַר דער צוקונפט.

„דער קאַרשן־גאָרטן“ — דאָס איז טשעכאָווס אַ ליד וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט פון זיין גרויסן פאָטערלאַנד. אין דער פינצטערער נאַכט פון זיין צייט האָט דער שרייבער געזען און באַגריסט די אויפגייענדיקע זון פון אַ ניי לעבן. טראָפימאָווס אויסגעשריי אין לעצטן אַקט פון דער פּיעסע: „זיי באַגריסט, ניי לעבן!“ — איז געווען צוגלייך דעם מחברס רוף. מיט פרייד האָט ער באַגעגנט די אויפקומענדיקע נייע וועלט, וואָס איז אים שוין נישט באַשערט געווען צו זען מיט די אייגענע אויגן.

די מייסטערשאַפט פון טשעכאָווס פּראָזע

אין טשעכאָווס נאָטיץ=בוך איז פאַראַן אַ קליינע אַלעגאָריע, אויפגעכאַפּט ביים פראַנצויזישן שרייבער אַלפאָנס דאָדע:

„פאַרוואָס זענען דיינע לידער אַזוי קורץ, האָב איך אַמאָל געפרעגט אַ פויגל. צי פעלט דיר אוים אָטעם?

— איך קען זייער אַ סך לידער — האָט געענטפערט דער פויגל. און איך וואָלט זיי אַלע גערן דער וועלט אויסגעזונגען“.

טשעכאָוו האָט נישט אָן אַ סיבה פאַרנאָטירט אָט דעם משל. ער איז אויך געווען אַזאַ וואונדער=פויגל, וואָס האָט געקאָנט אַ סך לידער און געוואָלט זיי אַלע אויסזינגען פאַר דער וועלט. טשעכאָווס ליטעראַרישע ירושה — דאָס איז צוועלף גרויסע בענדער ווערק און בריוו פון גרויסן קינסטלערישן ווערט. אָבער צווישן די ווערק געפינען זיך קוים עטלעכע גרעסערע דראַמען און צום מערסטן קורצינקע דערציילונגען, אין וועלכע דער שרייבער האָט זיך באַמיט איבערצוגעבן דעם לייע=נער אַלץ, וואָס ער האָט אין לעבן געזען און וואָס ער האָט געטראַכט וועגן דעם דעמלטיקן רוסלאַנד.

טשעכאָווס סטיל, זיין קינסטלערישקייט באַגייסטערט אונדז און באַצויבערט ביזן היינטיקן טאָג.

זיין קינסטלעריש וואָרט מאַכט אומרואיק אונדזער געמיט און רירט אונ=דזער נשמה זייער און זייער טיף.

טשעכאָוו איז געווען אַ רעאַליסט, דאָס הייסט, אַז ער האָט געשילדערט דיווירקלעכקייט אַזוי, ווי זי איז אין איר עצם.

זיין טאַלאַנט האָט זיך אַנטוויקלט און האָט דערגרייכט די סאַמע העכסטע שעפערישע הייכן, אַדאַנק וואָס טשעכאָוו פאַרנעמט איינעם פון די ערשטע ער=שטער אין דער רוסישער קלאַסיק און אין דער וועלט=ליטעראַטור. די דאָזיקע אַנט=וויקלונג איז נישט קיין צופעליקייט, נאָר איז באַדינגט פון זיין כסדרדיקער שריי=בערישער אַרבעט און זעלבסט=בילדונג און פון זיין טיפער ליבע צום פאָלק און היימלאַנד, וועלכע ער האָט געוואָלט העלפן און נוצן ברענגען.

דער דאָזיקער ציל האָט באַלייכט זיין לעבנס־וועג און זיין אַרבעט, און דעם דאָזיקן ציל האָט ער פולשטענדיק דערגרייכט. „רוסלאַנד, — האָט גאָרקי געשריבן וועגן טשעכאָוון, — וועט זיך לאַנג לערנען פאַרשטיין דאָס לעבן לויט זיינע ווערק, וואָס זענען באַלויכטן מיטן אומעטיקן שמייכל פון אַ ליבנדיק האַרץ, דורכגענומען מיט אַ טיפער לעבנס־קענטעניש, מיט אַ געפיל פאַר יושר, מיט מיטגעפיל פאַרן מענטש — נישט מיט אַ רחמנות, נאָר מיט אַ מיטגעפיל פון אַ קלוגן און סובטעלן מענטש, וואָס פאַרשטייט אַלצדינג“...

גאָרקיס אַרויסזאָגונג איז מקוים געוואָרן אין דער פולער מאָס. גאַנצע דורות לייענער, און נישט נאָר אין רוסלאַנד, האָבן זיך געלערנט און וועלן זיך לערנען ביי טשעכאָוון פאַרשטיין און ליב האָבן דאָס לעבן, דעם איידעלן הומאַניזם, גוטסקייט און האַרציקייט, און גלייכצייטיק — האַסן אַלץ, וואָס איז שלעכט, באַרבאַריש, געמיין. גאַנצע דורות שרייבער האָבן זיך געלערנט און וועלן זיך ביי אים לערנען די קונסט פון שרייבן.

אַ מאָדנער כישוף איז פאַראַן אין טשעכאָווס פראָזע — זי פליסט ווי אַ רויִקער טייך, אָבער אונטער זיין לייכט צעכוואַליעטער אויבערפלאַך פילסטו עפעס אַן אומרויִקן, רייסנדיקן שטראָם. ביי טשעכאָוון לייענט זיך נישט נאָר דאָס, וואָס עס איז אָנגעשריבן, נאָר אויך דאָס, וואָס עס לאָזט זיך נישט זען, נאָר עקזיסטירט, ווי דאָס וואַרעמע בלוט אונטער דער הויט פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם. ביי אים זענען פאַראַן נישט אַרויסגעזאָגטע זאַכן, אָבער זיי לאָזן זיך אַרויספילן און זענען פאַרן לייענער אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. דער שרייבער באַזיצט די קונסט פון אַקטיוויזירן דעם לייענער, ער קאָן אים צווינגען צו טראַכטן, צו באַוועגן זיין פאַנטאַזיע. ער נעמט קיינמאָל נישט קיין וואָרט אין זיין אייגענעם נאָמען, ער רעגט זיך נישט אויף, ער טראָגט נישט אַרויס קיין אורטייל, נאָר באַשרייבט, און באַשרייבט עס אַזוי, אַז ער רופט אַרויס שטענדיק דעם שטאַרקסטן איינדרוק.

אין אַזאַ נאָוועלע, למשל, ווי „די באַבעס“ דערציילט איינער פון די העלדן פון דער דערציילונג אַ מעשה, וואָס דאַרף לויט זיין מיינונג האָבן אַ זייער מאָראַלישן אויסקלאַנג, וואָס דאַרף אים אַרויסשטעלן אין אַ זייער פאָזיטיוון ליכט. און דאָך, נאָכדעם ווי מיר הערן זי אויס, כאַפט אונדז אָן אַן עקל צום דערציילער. מיר זעען, אַז דאָס איז אַ נאַרישער, נישטיקער און שלעכטער פאַרשוין, און מיר פילן, פאַרקערט, אַ סימפאַטיע צו דער פרוי, וועלכע ער פאַראורטיילט. די דערציילונג „די פאַלאַטע נומ. 6“ אַנטהאַלט נישט קיין וואָרט וועגן צאַרישן רעזשים, און מיר ווייסן פונדעסטוועגן און פילן, אַז וועגן אים גייט די גאַנצע צייט אַ רייד. לייענענדיק די „פויערים“, ווייסן מיר, וואָס פאַראַ וועטער עס איז יעדן טאָג פון דער אַקציע, הגם דער מחבר באַשרייבט דאָס נישט. אַזאַ איז די קראַפט פון טשעכאָווס נאָוואַטאָרישער קונסט.

מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן דעם מחבר פון „סטעפּ" אַלס מייסטער פון פּייזאַזש. טשעכאָוו האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַשרייבן די נאַטור אַזוי, אַז „דורכלייענענדיק און פאַרשטעלנדיק די אויגן, זאָל דער לייענער זיך תיכף קענען פאָרשטעלן דעם באַשריבענעם פּייזאַזש". און, ווי דאָס איז לייכט צו זען כאָטשבי אויף יעדן איינציקן זייטל פון „סטעפּ", האָט ער דעם דאָזיקן ציל פולשטענדיק דערגרייכט.

ניט אין אַ קלענערער מאָס איז ער אַ מייסטער פון שטימונג. לייענענדיק טשעכאָוון, פילן מיר בחוש אַן אימה פאַר דעם קומענדיקן שטורעם („סטעפּ"), ווערן מיר צוזאַמען מיט דעם אַלטן מאָקער פאַרמאַטערט ביים דערשלאָגן זיך אַ וועג אין דער שניי־זאַווערוכע („צער"), ווערן מיר דערדריקט פון דער לאַנגווייליקייט און טרויעריקייט אינעם געריכט־זאַל („אין געריכט"), ווערן מיר אין אַלע אַנדערע דערציילונגען פאַראומערט אָדער פריילעך, זאַט אָדער הונגעריק, אָפּהענגיק פון דעם, ווי דער שרייבער וויל אויף אונדז ווירקן. לאָמיר נעמען, אַשטייגער, אַזאַ פרייע דערציילונג ווי „די קאַשטאַנקע" (1887). פאַראַן דאָרט אַ סצענע, ווי עס גייט אויס אַ צירק־גאָנער. נאָר אַ גאָנער. און דאָך פילן מיר דעם גרויל פון טויט און מיר וווּנדערן זיך גאָרנישט אויף די טרערן פונעם צירק־קלאַון. דער שרייבער איז ווי אַ מכשף, וואָס רעגירט איבער מענטשלעכע הערצער לויט זיין איינזען.

כדאַי דאָ ווידעראַמאָל צו ציטירן גאָרקיס אַ מיינונג וועגן טשעכאָוון:

„ער זאָגט ניט קיין שום נייעס, אָבער דאָס, וואָס ער זאָגט, באַקומט זיך ביי אים דערשיטערנדיק בולט און פּשוט, אימהדיק פּשוט און קלאָר, איז אומאָפּפרעגלעך אמתדיק".

מיט וואָסערע מיטלען האָט ער באַוויזן אַזוי סוגעסטיוו צו מאָלן די ווירקלעכקייט? טאַקע מיט די סאַמע פּשוטסטע מיטלען. טשעכאָוו פאַרנעמט זיך ניט מיט לאַנגע באַשרייבונגען, מיט אַ לאַנגער אויסרעכענונג פון די באַשריבענע איינגעשאַפטן פונעם מענטש אָדער זאַך. ער ווייזט דעם לייענער איין פּרט, אָדער עטלעכע שטריכן, דוכט זיך דראָבנע, אָבער וואָס זענען אין תוך אַזוי טיפּיש, אַז זיי גיבן אונדז אַ בעסער און גענויער בילד, ווי אין אַ לאַנגער באַשרייבונג.

אין „טשייקאַ", למשל, זאָגט אַ יונגער ליטעראַט וועגן זיין עלטערן קאָלעגע:

„טריגאָרין האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ מעטאָד, אים איז לייכט. ביי אים אויף דער גרעבליע בלישטשעט אַ העלדזל פון אַ צעבראָכענער פלאַש, שוואַרצט זיך אַ שאָטן פון אַ מיל־ראָד און נאָדיר אַ פאַרטיקע לבנה־נאַכט, ביי מיר איז פאַראַן סיי אַ ציטעריק ליכט, סיי אַ שטיל ווינקען פון שטערן, סיי ווייטע פּאָרטעפּיאַן־קלאַנגען, וואָס חלשן אין אַ שטילער, אַראָמאַט־זאַפּטיקער לופט... דאָס איז שרעקלעך".

אַזוי ווי טריגאָרין, האָט טשעכאָוו אינעם בליאַסק פון אַ צעבראָכענעם פלעשל

באַווייזן צו געבן דעם פֿאַרבלייפֿנדיקן כּישוף פֿון אַ לבנה־נאַכט. מיטן שאַרפֿזיניקן, דורכדרינגענדיקן דיכטער־אויג האָט ער געזען זאַכן, וואָס זענען נישט פֿאַר אַלעמען צוגענגלעך. ער האָט זיי אָבער געוויזן און געצוווּנגען אַלעמען צו פֿאַרטראַכטן זיך וועגן דער וועלט און מענטש. ווייזנדיק די קאַלאָשן און דעם שירם פֿון זיין העלד, דעם מענטש אין פֿוטעראַל, האָט ער באַוויזן צו דערציילן וועגן דעם מענטש מער, ווי אַנדערע האָבן עס געטאָן אין פֿילבענדיקע באַשרייבונגען.

גאָרקי האָט אונדז איבערגעלאָזן אַ קאָמישן אַנעקדאָט, וואָס כאַראַקטעריזירט גלענצנדיק טשעכאָווס פֿעיקייט צו כאַראַקטעריזירן דעם מענטש אין עטלעכע זאַצן:

— אַנטאָן פּאַוולאָוויטש, ווי געפֿעלט אייך מ. מ?

— אָ... זייער, — ענטפֿערט הוסטנדיק אַנטאָן פּאַוולאָוויטש, — ער ווייסט אַלצדינג. ער לייענט אַ סך. ער האָט ביי מיר שוין דריי ביכער פֿון מיין ביבליאָטעק אַוועקגעלייענט. אַ ביסל אַ צעשטרייטער. היינט וועט ער דיר זאָגן, אַז דו ביסט אַ וווּנדערבאַרער מענטש, און מאָרגן וועט ער וועמען דאָרט מודיע זיין, אַז דו האָסט צוגעגנבֿעט ביים מאַן פֿון דיין געליבטער זיינע זיידענע שקאַרפּעטן, שוואַרצע אַזעלכע, מיט בלויע שטרייפֿלעך...

צי איז עס עפּעס מעגלעך צוצוגעבן צו אָט דער כאַראַקטעריסטיק פֿון אַ מענטש? נאַטירלעך איז מעגלעך. אָבער דאָס וועט שוין זיין נישט וויכטיק. מיר ווייסן שוין גוט, וואָס מיר זאָלן טראַכטן וועגן טשעכאָווס באַקאַנטן און מירן שוין זיכער נישט פֿילן צו אים קיין סימפּאַטיע. דער שרייבער האָט דאָך אָבער וועגן אים נישט געזאָגט קיין איין פֿאַראורטיילנדיקן וואָרט. ער האָט נאָר געזאָגט, וואָס זיין באַקאַנטער טוט, און נישט וואָס ער איז. אָט דאָס שילדערן דעם מענטשן אין זיין האַנדלונג גיט ביי טשעכאָוון די מערסטנס שאַרפֿע, בולטסטע כאַראַקטעריסטיק. דעם נאַדזיעראַטיעל אָטשומיעלאָוו, למשל, פֿון „כאַמעלעאָן“ זעען מיר בלויז אין דער האַנדלונג. דער מחבר גיט פֿון זיך גאָרנישט צו וועגן זיין העלד, און פֿונדעסטוועגן וואָלטן מיר געקאָנט אַלצדינג זאָגן וועגן נאַדזיעראַטיעלס כאַראַקטער. מיר ווייסן אויך, וואָס עס איז די צאַרישע פּאָליציי, וועגן די סאָציאַלע פֿאַרהעלטעניש, וועגן צאַרישן רעזשים. און מיר וואָלטן דאָס געוווּסט, אַפֿילו ווען מיר זאָלן נישט האָבן געלייענט קיין איין זייטל געשיכטע. דער מחבר ווייזט אונדז אויך דעם פֿאָלקס־מענטש ביי אייגער פֿון זיינע דראָבנע לעבנס־פֿונקציעס, און דאָך איבערציינגן מיר זיך באַלד, אַז דאָס איז נישט נאָר אַ געוויינלעכער מענטש און אַ געשעעניש ווי אַנדערע, נאָר עפּעס אַ זייער וויכטיקער און וועזנטלעכער ענין, פֿון וועלכן מען קאָן אַרויסדרינגען אַ גאַנצע גאַמע פּראָבלעמען. פֿונעם קאָנקרעטן פּרט פֿירט דער וועג צו דער פֿאַראַלגעמיינערונג, צום סינטעז. און דאָס איז טאַקע זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר טשעכאָוון.

אַ באַליבטער מעטאָד איז ביי טשעכאָװן דאָס אויסבויען דעם פּסיכאָלאָגישן פּילועט פונעם העלד אין אַ געװיסן זין פון אינעװייניק, שילדערנדיק זיין פאַרהאַלטן זיך, זיינע װערטלעך, זשעסטן. טשעכאָװ טוט עס אויפן פּשוטסטן אופן. ער זאָגט גאָרנישט אין זיין אייגענעם נאָמען, ער שילדערט מענטשן און געשעענישן אַזוי, אַז ס'מאַכט אויבנאויפיק דעם איינדרוק, אַז זיי גייען אים נישט אָן. אין דער װירקלעכקייט איז אָבער אַנדערש. „איבער די אייגענע װערק קאָן מען סיי װיינען סיי קרעכצן, האָט ער געשריבן צום יונגן גאָרקי, — מען קאָן ליידן צוגלייך מיט די אייגענע העלדן, אָבער מען דאַרף עס מאַכן אַזוי, אַז דער לייענער זאָל עס נישט באַמערקן. װאָס אָביעקטיװער, אַלץ שטאַרקער װעט זיין דער רושם".

מיט דעם דאָזיקן מעטאָד פלעגט טשעכאָװ דערגרייכן די שטאַרקסטע עפעקטן. זיין באַליבטע ליטעראַרישע פאָרם, די קורצע נאָװעלע, איז זייער אַ שװערע פאָרם. זי פאָדערט די מאַקסימאַלסטע קאָנדענסירונג פון סטיל און שפּראַך, די באַגרענעצונג פון דער שילדערונג, אומגעהויער פּרעציזן געבוי. דער שרייבער האָט מייטערהאַפט באַהערשט אָט דעם מעטאָד. חוץ זיין ספּעציפישער טאַלאַנטירטקייט, האָט אים געהאָלפן דערגרייכן אַזאַ גרויסן דערפאָלג זיין אומדערמידלעכע אַרבעטזאַמקייט. מיט פאַסיע פון אַזוי צו זאָגן אויטאָכירורגיע פלעגט ער קירצן און איבעראַרבעטן זיינע װערק, אַרויסוואַרפן אַלץ, װאָס אומנייטיק, אַרויסרופנדיק טייל מאָל פאַרצוויפלונג ביי זיינע פריינד, װאָס האָבן געוויינטיקט איבער די פּערל פון טשעכאָװס פּראָזע, װאָס „װערן פאַרלוירן". ער האָט זיך געװוּנטשן, אַז װען ער װאָלט געװען אַ מיליאָנער, װאָלט ער געשריבן זאַכן נישט קיין גרעסערע פון זייַן דיאַלאָגיע. ער פלעגט זיך שטענדיק פאַרטראַכטן, צי עס איז נישט מעגלעך עפּעס צו זאָגן קירצער און בולטער. יונגע שרייבער, װאָס פלעגן זיך צו אים װענדן װעגן אַן עצה, האָט ער געלערנט, אַז אין אַ דערציילונג דאַרף זיך נישט געפינען קיין שום איבעריקס, װי אויפן דעק פון אַ קריגס־שיף. אַלץ דאַרף דינען אַ באַשטימטן ציל: סיי דער פּייזאַזש, סיי דער דיאַלאָג און די קאָמפּאָזיציע. דער קאָמפּאָזיציע פלעגט ער צושרייבן אַ גרויסע באַדייטונג. טאַקע צוליבן גלענצנדיקן דורכגעטראַכטן געבוי פון זיינע װערק פלעגט ער דערגרייכן אַן אומגעהויערע פּרעציזיע און בולטקייט. איינס פון אַזעלכע טשעכאָװס מייסטערשטיק אין הינזיכט פון קאָמפּאָזיציע איז די נאָװעלע א. ג. „יאָניטש" (1898). אויף זיבעצן זייטן דרוק װערט דאָרט פאָרגעשטעלט אַ קאָמפּליצירטער פּראָצעס פון אַריינוואַקסן פון אַ יונגן, געבילדעטן און כובטעלן דאָקטער אין אַ קאָלטענעוואַטער סביבה, אַ פּראָצעס, װאָס ענדיקט זיך מיט אַ פולער פיליסטערישער ירידה צו דער מדרגה פון אַ גראָבן עגאָיסט און געלט־פרעסער. דער דאָזיקער פּראָצעס קומט פאָר במשך פון צען יאָר. און דאָך קענען מיר אים נאָכשפּירן כמעט טאָג ביי טאָג. דעם דאָזיקן עפעקט האָט דער מחבר דערגרייכט, צעטיילנדיק די נאָװעלע אויף פינף טיילן. די הפסקות צװישן די דאָזיקע טיילן פילט דער מחבר מיט גאָרנישט נישט אויס, אָבער דאָס איז

גישט גייטיק: דעם פּראָצעס פון דער מאָראַלישער ירידה פונעם העלד זעען מיר, ווי אויף דער דלאָניע, אין עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן. אין אָנהייב פון דער נאָוועלע גייט דער העלד, דימיטרי יאָניטש סטאַרצעוו צופוס. ווי דאָס רוב מענטשן, הלומט ער ביים לבנה־שיין, איז פאַרליבט. אין די ווייטערדיקע טיילן זעען מיר, ווי ער פאָרט, צוע־שט מיט א פּאָר, דערנאָך מיט א טראָיקע פערד, געפירט פון אַן אויסגעפּאַשעטן קוטשער, וואָס שרייט: „אַראָפּ פון וועג!" ביים סוף פון דער דערציילונג באַגעגנט יאָניטש די פרוי, וועלכע ער האָט געליבט. זי האָט נאָך צו אים אַ סענטימענט, ער אָבער פילט, אַז ער האָט איר גאָרנישט נישט וואָס צו זאָגן, אין זיין מוח דרינגט דורך בלויז דער געדאַנק: „ווי גוט, אַז כ'האָב נישט חתונה געהאַט"... ער האָט זי שוין נישט ליב און קאָן שוין קיינעם נישט ליבן.

אין דער נאָוועלע קומט צום אויסדרוק די שפּאָרזאַמקייט פון קינסטלע־ישע מיטלען טרעפלעך אויסצונוצן אַלע פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטעריסטישע פּרטים און עפּיזאָדן. אָנשטאָט אויספירלעך צו שילדערן די פּסיכישע ענדערונגען פונעם העלד, זיין איבערגעשטאַלטיקונג פון אַן עמפינדלעכן סובטעלן בחור אין אַ גראָבהויטיקן פּיליסטער, באַנוצט ער דעם מעטאָד פון טיפיזירטן פּרט. דער מחבר שילדערט בלויז אַ קליינע סצענע, וויאַזוי יאָניטש פירט זיך אויף אינעם הויז, וואָס ער האָט בדעה צו קויפן:

„ער גייט אָן צערעמאָניעס אַריין אין דעם דאָזיקן הויז, און, דורכשפּרייזנדיק אַלע שטובן, נישט אומקוקנדיק זיך אויף די אויסגעטועטע פרויען און קינדער, וואָס קוקן אויף אים צעמישטע און דערשראָקענע, קלאַפּט ער אין אַלע טירן מיטן שטעקן און זאָגט: «דאָס איז דער קאַבינעט? דאָס איז דאָס שלאָפצימער? און דאָס וואָס איז?» און ער סאַפּעט דערביי שווער אוןווישט זיך דעם שווייס פונעם שטערן."

נישט ווינציקער כאַראַקטעריסטיש איז דער צווייטער פּסיכאָלאָגישער פּרט. יאָניטש איז אַזוי פאַרגראָבט געוואָרן, אַז אין זיין נשמה איז צומאָל נישט פאַר־בליבן קיין דעריגערונג פון זיין איינציקן ליכטיקן מאָמענט פון זיין לעבן — פון זיין אמאָליקער ליבע. טשעכאָוו שילדערט יאָניטשן אין א מאָמענט, ווען ער האָט אין קלוב דערהערט דעם פאַמיליע־נאָמען טורקין, וואָס אין זיין טאָכטער איז ער אמאָל געווען פאַרליבט, און יאָניטש פרעגט דעמלט: „וועגן וועלכע טורקינס רעדט איר? וועגן די, וואָס זייער טאָכטער שפּילט פּיאַנאָ?"...

אין דער דאָזיקער נאָוועלע דינט אַלץ, אַפילו דער פּייזאַזש (די שילדערונג פון דער לבנה־נאַכט ביים אָנהייב פון דער דערציילונג און פונעם האַרבסט־טאָג צום סוף), כדי צו באַווייזן דעם פּראָצעס פון די פּסיכישע ענדערונגען פון העלד.

די שטרעבונג צום לעבנס־אמת איז בכלל ביי טשעכאָוון פאַרבונדן מיט דער שטרעבונג צו שיינקייט. „די שיינע ליטעראַטור, — האָט ער געשריבן, — הייסט

דערפאַר שיינע, ווייל זי מאָלט דאָס לעבן אַזוי, ווי עס איז אין דער אמתן. איר באַרוף איז דער אמת, דער אומבאַדינגטער און ערלעכער".

גאָרקי האָט פאַרגליכן טשעכאָווס דערציילונגען מיט „סובטעל געשליפענע פלאַקאָנען", אין וועלכע עס זענען אַנטהאַלטן „אַלע לעבנס־דופטן". אין טשעכאָווס ווערק גייען פאַר אונדז פאַרביי פאַרשידנאַרטיקע געשטאַלטן, וואָרעם ער האָט מיט אַ דערשטוינלעכער געניקייט זיך אַריינגעפילט אין כל המינים סתירותדיקע און קעגנזצלעכע כאַראַקטערן און נשמות. מיר געפינען ביי אים גוטע און שלעכטע מענטשן, שיינע און העסלעכע, ערנסטע און לייכטזיניקע, ליידנדיקע און פריילעכע. פאַראַן ביי אים אינטעליגענטן, פויערים, סוחרים, פריצים, האַנטווערקער און באַאמטע, פרויען און קינדער. ער ווייזט אונדז אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָרן, דאָק־טוירים און האַלב ווילדע דאָרפסלייט. און אָט די אַלע געשטאַלטן זענען אמתדיק, אַלע רעפּרעזענטירן די מענטשאַליטעט, די שפּראַך, די מנהגים פונעם שיכט, קלאַס, פּראָפעסיאָנעלע גרופּן, צו וועלכע זיי געהערן, נישט פאַרלירנדיק גלייכצייטיק גאָרנישט פון זייערע אינדיווידועלע אייגנשאַפטן. וויפל האָט ער באַדאַרפט האָבן ממש אויסערגעוויינלעכע לעבנס־קענטעניש און ריזיקן וויסן וועגן מענטשן, כדי צו שאַפן אַזעלכע טיפּן!

למשל, די פרוי. וועגן דער פרוי האָט מען געשריבן אין 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט אַ סך, אפילו זייער אַ סך.

אָבער טשעכאָוו געהערט צו די זעלטענע שרייבער, וועלכע האָבן געגעבן אַן אַלזייטיקע, צאַרטלעכע און אמתדיקע גאַלעריע פון פרויען־געשטאַלטן. ביי אים איז די פרוי אַ מענטש און נישט קיין געמאָלטע ליאַלקע. באַטירלעך, האָט ער געשיל־דערט נשמהלאָזע ליאַלקעס אויך, ווי זיי טרעפן זיך טאַקע אינעם לעבן, אָבער נאָר, כדי זיי איראָניש אויסצוהוזקן און צו קאָמפּראָמיטירן די סביבה, וואָס שאַפט אַזעלכע טיפּן. מיטן אומגעהויער טיפן געפיל, באַציט ער זיך צו דער פרוי, וואָס ליבט, ליידט און איז זיך מקריב לטובת די נאָענטע. ער איז אַ סובטעלער קענער פון דער פרויען־נשמה און אַ פאַרטיידיקער פון דער באַוואָלהטער פרוי. מיט פאַר־דרוס און באַהאַלטענעם צאָרן האָט ער געשילדערט די מיאוסקייט און דעם קאָש־מאַר פון אַ חתונה צוליב געשעפט. ער האָט געשילדערט די פרוי־מענטש מיט גרויסער מייסטערשאַפט.

די אומגעהויערע פּסיכאָלאָגישע, שטייגערישע און פילאָזאָפישע עשירות פון טשעכאָווס נאָוועלע, איר אומפאַרגלייכלעכע קינסטלערישקייט שטעלן אים אַוועק אין דער ערשטער ריי פון שרייבער פון וועלט־באַדייט. זיינע ווערק זענען אַריין אין אוצר פון דער וועלט־ליטעראַטור, זיין נאָמען לייכט דאָרט נעבן די נעמען פון שעקספּיר, סערוואַנטעס, באַלזאַק.

רעדנדיק וועגן דער קינסטלערישער חשיבות און שרייבערישער מייסטער־שאַפט פון טשעכאָוו, איז אוממעגלעך נישט צו דערמאָנען דעם ספּעציפישן

צייבער פֿון זיין שפּראַך. טשעכאָווס שאַפֿן איז אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פֿון דער רוסישער שפּראַך. גאָרקי האָט אים אָפּגעשאַצט ווי אַן אומפֿאַרגלייכלעכן מייסטער פֿון סטיל און שפּראַך:

„דאָס, וואָס ער (טשעכאָוו) זאָגט, — האָט גאָרקי געשריבן, — איז שטענדיק געקליידט אין אַ וווּנדערלעכער שיינער פֿאָרם, און די דאָזיקע פֿאָרם פֿאַרשטאַרקט נאָך מער די חשיבות פֿון דעם, וואָס ער זאָגט. ווי אַ סטיליסט איז ער נישט צו פֿאַרגלייכן מיט קיינעם, און דער קומענדיקער ליטעראַטור־היסטאָריקער, רעדנדיק וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון דער רוסישער שפּראַך, וועט זאָגן, אַז די דאָזיקע שפּראַך האָט געשאַפֿן פּושקין, טורגעניעוו און טשעכאָוו.“

טשעכאָוו שרייבט מיט אַ שפּראַך, וואָס איז פּשוט און פֿאַרשטענדלעך פֿאַר יעדן לייענער. אָבער די דאָזיקע פּשטות איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ טיפֿער שפּראַך־קענטעניש, פֿון אומגעהויער שרייבערישער אַרבעט. טשעכאָוו פֿלעגן זיך ווילן, אַז „די קונסט פֿון גוט שרייבן באַשטייט אין דער קונסט פֿון אויסמעקן דאָס, וואָס עס איז געווען שלעכט“. דאָס שלייפֿן די שפּראַך איז בײַ אים געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: ערשטנס, האָט ער געזוכט כסדר די סאַמע „גוטיקע“, דאָס הייסט די טרעפֿלעכסטע, בולטסטע, פּרעציזסטע ווערטער פֿאַר דערקלערן די זאַך. אין שייכות דערמיט האָט ער געפֿירט אַ קאַמף קעגן דעם פֿאַרשטאַמפּעווען די שפּראַך, פֿאַרמיסטיקן זי מיט אויסדרוקן, וואָס האָבן אָפּגעלעבט, זענען אויסגעהוילט געוואָרן פֿון אַמאָליקן אינהאַלט, זענען אַרויס פֿון טאָגטעגלעכן געברויך, און האָבן דערפֿאַר אויפֿגעהערט עמאָציאָנעל צו ווירקן.

צווייטנס, האָט ער זיך באַמיט, וואָס מער צו פֿאַראיינפֿאַכן דעם זאַץ־בוי. עס איז פֿאַראַן אַ בריוו פֿון טשעכאָוון צום יונגן גאָרקי פֿון סעפּטעמבער 1899, ווו ער עצהט אים, אַז אומעטום, ווו נאָר דאָס איז מעגלעך, זאָל ער אויסשטרייכן באַצייכענונגען, איבעריקע באַצייכענונגען. „בײַ אײַך זענען פֿאַראַן אַזויפֿיל באַצייכענונגען, — שרייבט טשעכאָוו, — אַז דעם לייענער איז שווער זיך צו אָריענטירן, ער מוטשעט זיך. בעת איך שרייב „דער מענטש האָט זיך געזעצט אויפֿן גראָז“, איז עס פֿאַרשטענדלעך, וואָרעם עס איז קלאָר און עס ווענדט נישט אָפּ די אויפֿמערקזאַמקייט. פֿאַרקערט: עס וואָלט אָבער געווען שווער און זייער שווער פֿאַרן מוח, ווען איך וואָלט געשריבן: אַ מענטש, אַ דאַרער, שמאָל־ברוסטיקער, פֿון מיטלן וווּקס, מיט אַ געל בערדל, האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ גרינעם, שוין מיט די פֿיס צעטרעטענעם גראָז, האָט זיך אוועקגעזעצט שטיל, פּחדנותדיק און פֿאַרציטערט זיך אַרומקוקנדיק. דאָס טרעפֿט נישט באַלד צום מוח, און בעלעטריסטיק דאַרף טרעפֿן באַלד, אין איין סעקונדע.“

טשעכאָווס שפּראַך־רײַכקייט איז זייער גרויס. ער איז אַ קענער נישט נאָר פֿון דער ליטעראַרישער שפּראַך, נאָר אויך פֿון פֿאַרשידענע דיאַלעקטן, פֿונעם פּראָפֿעסיאָנעלן לשון בײַ דאָקטוירים, סוחרים, יוריסטן, זשורנאַליסטן, מאַטראָסן. ער

באַווייזט פּרעכטיק צו אינדיווידואַליזירן די שפּראַך פון זייערע העלדן. הערנדיק די שפּראַך פון משעכאָווס נאָוועלע, קאָנען מיר תיכף באַשטימען דעם העלדס פּראָפעסיע, קלאַסן-צוגעהעריקייט און כאַראַקטער, זעען מיר דעם לעבעדיקן מענטש אין זיין גאַנצער אָנשוילעכער קאָנקרעטקייט. חוץ דער פּשטות און קאָנקרעטקייט איז משעכאָווס שפּראַך דורכגעדרונגען מיט פּאָעטישקייט, זי האָט איר אייגנטימלעכע מוזיקאַלישקייט און ריטמיק, וואָס העלפט דעם מחבר שטענדיק צו שאַפן די געהעריקע שטימונג. די דאָזיקע שפּראַך האָט אַנטציקט זיינע מיטצייטלער און אַנטציקט אונדז היינט. טאָלסטאָי רופט אָן משעכאָוון „פּושקין אין דער פּראָזע“.

אָבער משעכאָווס מייסטערשאַפט באַשטייט נישט בלויז אין זיין שפּראַך און סטיל, אין זיין הויכער שרייבערישער טעכניק און אין דעם אַלץ, וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט. מייסטערשאַפט איז נישט נאָר אַ קענטעניש צו אָרגאַניזירן אויסדרוק-מיטלען, כדי צו באַשיידן די אָדער יענע טעמע, נאָר איז דער עיקר אַ קענטעניש צו קוקן אויפן לעבן, עס צו פאַרשטיין, צו דערזען דאָס, וואָס עס איז א י ן דער געגעבענער עפּאָכע דאָס עיקרדיקע, דאָס טיפּישע.

אויפן 19-טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטנפאַרבאַנד האָט געאָרגי מאַלענקאָוו געגעבן אַ קלאַסישע אָפּשאַצונג פון דער טיפּישקייט אין דער ליטעראַטור און האָט פעסטגעשטעלט, אַז טיפּיש איז נישט נאָר דאָס, וואָס לאָזט זיך אָפּגעפינען צום אָפטסטן, נאָר אויך דאָס, וואָס דריקט אויס אויפן פולסטן אופן און מיט דער גרעסטער שאַרפקייט דעם עצם פון דער געגעבענער דערשיינונג. אויפקלערנדיק, אַז פון מאַרקסיסטיש-לענינישן שטאַנדפּונקט באַדייט דאָס טיפּישע לגמרי נישט עפּעס אַ דורכשניטלעכע סטאַטיסטישע גרייס, האָט מאַלענקאָוו אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז „טיפּישקייט אַנטשפּרעכט דעם מהות פון דער געגעבענער סאָציאַל-היסטאָרישער דערשיינונג“.

אָט די פעיקייט צו גרייכן אין דער טיף פון זאַכן און דערשיינונגען, צו דערזען דאָס, וואָס עס איז טיפּיש אין לעבן און אין דער געזעלשאַפט, און קינסטלעריש צו שילדערן דאָס אין דער דערציילונג, ראָמאַן, דראַמע, האָט משעכאָוו פאַרמאָגט אין דער העכסטער מאָס. אַדאַנק איר האָט זיין שאַפן, וואָס האָט געוואָרצלט אין דער רוסישער שוואַרצערד, אויף וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן, דערגרייכט נישט נאָר אַ נאַציאָנאַל-רוסישע, נאָר אויך אַן אַלמענטשלעכע באַדייטונג. משעכאָוו איז געווען אַ גרויסער און איינער פון די לעצטע פאָרשטייער פון יענער שטרעמונג אין דער ליטעראַטור, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען קריטישער רעאַליזם און איז געווען די העכסטע דערגרייכונג פון דער קינסטלערישער קולטור פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון דער קולטור, וואָס איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך אויסגעפאָרעמט אין די באַדינגונגען פון אַ געזעלשאַפט מיט אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן.

טשעכאָוו דער מענטש

טשעכאָווס בילד וואָלט נישט געווען פול, ווען מיר זאָלן אים צייכענען בלויז אויפן סמך פון זיינע ווערק. אמת, ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז טשעכאָוו דער מענטש איז בולט געקומען צום אויסדרוק אין דער ליטעראַטור. ס'איז אָבער זעלטן ווען צו טרעפן אַזאַ ענגע פאַרבינדונג פון ליטעראַרישער טעטיקייט מיט פערזענלעכער לעבן, ווי טאַקע ביים אים. אָבער דווקא דערפאַר קענען מיר פאַרשטיין די טיף פון טשעכאָווס שאַפן, ווען מיר באַטראַכטן עס אויפן פאָן פון זיין לעבן.

טשעכאָוון האָט די נאַטור געגעבן אַ גרויסן געשאַנק: טאַלאַנט. דאָס איז זייער א סך און דאָס איז גלייכצייטיק נאָך נישט אלץ. טשעכאָוו האָט זיך אונטערשיידט קודם כל מיט זיין אויסערגעווייגלעכער אַרבעטזאַמקייט. „טשעכאָוו איז נישט געווען קיין ליבלינג פונעם גורל, — שרייבט וועגן אים דער שרייבער א. ס. לאַזאַריעוו-גרוזינסקי, — דעם דערפאָלג האָט ער דערגרייכט דורך אָנגעשטרענגטער, קאַטאָרזשנער אַרבעט“. דאָס איז נישט נאָר געווען בלויז אַ ליטעראַרישע טעטיקייט, נאָר אפשר אין אַ גרעסערער נאָך מאָס אַן אַרבעט איבער זיך אַליין, איבער דער געשטאַלטיקונג פון ווילנס-קראַפט און כאַראַקטער. עס לאָזט זיך מערקן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן טשעכאָוון פון די יוגנט-יאָרן און טשעכאָוון דעם אויסגעצייטיקטן.

דער סובטעלער, באַהערשטער, דעליקאטער מענטש, וואָס ווערט געשילדערט אין די זכרונות פון זיינע ביאָגראַפן, דאָס איז א פועל-יוצא פון א סך יאָרן רעפלעקסיעס און ארבעט איבער זיך. טשעכאָוו פלעגט דערפון לגמרי נישט מאַכן קיין סוד: „דו שרייבסט, אז דו ביסט מיך מקנא צוליב מיין שטאַרקן כאַראַקטער, — לייענען מיר אין איינעם פון זיינע בריוו צו זיין פרוי, — מוז איך דיר זאָגן, אז פון דער נאַטור האָב איך א שווערן, האַסטיקן א.א.וו. כאַראַקטער. אָבער כ'האָב זיך צוגעוווינט צו הערשן איבער זיך, וואָרעם עס איז נישט שיין פאַר אַן אָרנטלעכן מענטש, ער זאָל זיך נישט צוימען. אַמאָל פלעג איך אָפּטאָן דער טייוול ווייסט וואָס פאַרא שטיק“.

דער שריפטשטעלער שטשעגלאָוו דערמאָנט, אַז אין טשעכאָווס יוגנט־פּעריאָד פלעגן זיך ביי אים באַווייזן סימנים פון „סטודענטישער האָפערדיקייט און אפשר אַפילו עזות“. און ס'וואָלט אַפילו געווען אַ וואונדער, ווען עס זאָל זיין אַנדערש. מען האַרף נישט פאַרגעסן, אַז ער האָט זיך דערצויגן אין אַ קליינבירגערלעכער סביבה, אַז סיי זיין פאָטער און סיי דער זיידע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ האַסטיקן, דעספּאָטישן כאַראַקטער און אויך מיט נישט קיין קליינער פּאָרציע פאַרריסנקייט. און דאָך האָט ער באַוויזן גובר צו זיין אין זיך אָט די ירושהדיקייט און ווערן אַ מענטש, אויף וועלכן מען פלעגט אָנווייזן ווי אויף אַ מוסטער פון דעליקאַטקייט. אָבער די דאָזיקע דעליקאַטקייט איז קיינמאָל נישט געווען ביי טשעכאָוון קיין סימן פון ווייכקייט. ער איינער פון דער גאַנצער משפחה האָט באַקומען אַ געוויסע השפעה אויף זיין פאָטער, ער האָט באַוויזן צו מילדערן זיין אומדערטרעגלעכן כאַראַקטער און משפיע צו זיין אויף דער בעסערונג פון די משפחה־אָנגעלעגנהייטן. ער האָט דאָס דורכגעפירט מיט דער גאַנצער ענערגיע. אין אָט דעם קאַמף פאַר באַזייטיקן די „טאַגאַנראָגער טראַדיציעס“ האָט ער זיך ארויסגעוויזן פעסטער און אַנטשלאָסענער ווי זיין פאָטער. „אַנטאָנס ווילן האָט ניבר געווען“ — שרייבט אַ גבית־עדות פון די דאָזיקע צוזאַמענשטויסן, מיכאַיל טשעכאָוו.

איינער נאָך דער אַנדערער האָבן זיך פאַר אים געמערט מניעות, וואָס וואָלטן נישט איין שוואַכלינג צעבראָכן. אין דער קינדהייט און פריער יוגנט האָבן אים געדריקט די באַלעבאַטישע סביבה, די נויט, דעם פאָטערס דעספּאָטיזם. ער האָט זיך נישט איינגעבראָכן. שפּעטער מאַכט ער אַדורך אַ שווערן פּעריאָד, בעת ער שטודירט מעדיצין און מוז גלייכצייטיק שווער אַרבעטן, כדי אויסצוהאַלטן די פאַמיליע. שרייבנדיק אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָלט נישט איינער געוואָרן באַנאַל און פלאַך. טשעכאָוו איז עס קיינמאָל נישט געווען. ער ווערט דאָקטאָר און ווידער איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז ער זאָל נישט איינגעטרונקען ווערן פון זיין פּראַקטיק, פון „מאַכן אַ פאַרמעגן“ און פאַרפאַלן ווערן אינעם אַלטעגלעכן לעבן. ער באַזיגט די לאָקערונג פון אַ „רואיק לעבן“. אמת, ער באַקומט דערפאַר דעם רום פון אַ גרויסן שרייבער. אָבער אין אָט דעם רום באַהאַלט זיך אוים נאָך אַ גרעסערע געפאַר. דער באַלעבאַטישער עפנטלעכקייט געפעלט אין טשעכאָווס נאָוועלן דאָס פאָרמעל־אויסערלעכע: דער הומאָר, די שיינע שפּראַך, דער לייכטער סטיל, זי באַמערקט נישט זייער עיקרדיקן זין — די אומדערמידלעכע זוכעניש פונעם לעבנס־אמת, אַ ווילן צו דעמאַסקירן דעם לעבנס־שקר און אומזין פון דער בורזשואַזער וועלט. טשעכאָווס פריינד, בפרט דער רעדאַקטאָר פון הומאָריסטישע בלעטער לייקין, רעדן אים צו, אַז ער זאָל פאַרוואַרפן די „פילאָזאָפיע“. לייקין מאַכט אַ דרוק אויפן מחבר, זאָגט זיך אָפּ צו דרוקן זיינע נאָוועלן, ווי נאָר ער באַמערקט אין זיי עפּעס, וואָס עס אַנטהאַלט אַן אַלגעמיינעם סאָציאַלן זין. טשעכאָוו גיט זיך

א. טשעכאָוו און זיין מוטער יעווגעניאַ יאַקאָוולעווגאַ, זיין שוועסטער
מאַריאַ פּאַוולאָווגאַ (רעכטס), זיין פרוי אָלגאַ קניפּפּער (לינקס).

נישט אונטער און אין רעזולטאַט דערפון רייסט ער איבער מיט די הומאָריסטישע בלעטער.

דערווייל לויערט אויף טשעכאָוון אַ נייער געפערלעכער שונא. דער דאָזיקער שונא טרעט אַרויס אונטער דער מאַסקע פון אַ האַרציקן פריינד. דאָס איז דער רעדאַקטאָר פון דער רעאַקציאָנערער צייטונג „נאָוואָיע ווערעמיאַ“ סוואָרין. ער שטרעקט אויס די האַנט צו טשעכאָוון, בעת טשעכאָוו איז נאָך ווייניק באַקאַנט אַלס שעפער פון הומאָרעסקעס, ער עפנט פאַר אים די שפּאַלטן פון זיין צייטונג, גיט אים הילף און אונטערשטיצונג. ער פּאָלעמיזירט נישט מיט אים דערווייל, ער איבערצייגט אים נישט, אַז ער דאַרף שרייבן אַזוי און נישט אַנדערש. פאַרקערט — ער דערלויבט אים כלומרשט אויף שעפערישער „אומאָפּהענגיקייט“, אָבער דאָס אַלץ ווערט געטאָן מיט אַ באַהאַלטענער כוונה צו פאַרוואַנדלען טשעכאָוון אין איינעם פון די רעזשים־שרייבער. ער האָט זייער געשיקט אָנגעהויבן פון אַ פּרוּוו צו געווינען טשעכאָוון לטובת אַן אידעאַליסטישן צוגאַנג צו דער קונסט. טשעכאָווס אַפּיציעלע אַפּאָליטישקייט האָט גורם געווען, אַז ער האָט לעת־עתה נישט באַמערקט דעם שווינדל. ער האָט אַפילו געמיינט, אַז צושטעלנדיק ליטעראַרישן שטאָף פאַר א רעאַקציאָנערער צייטונג, איז מעגלעך צו בלייבן אומאָפּהענגיק. „פון קינדהייט אָן האָב איך געגלויבט אין פּראָגרעס, — האָט ער געשריבן. — אויב אַ רעאַקציאָנערע צייטונג דרוקט ערלעכע דערציילונגען, איז ערגער פאַר דער צייטונג... ס'איז דאָך בעסער, ווען עס גייען מיינע אומשעדלעכע 500 שורות, איידער 500 שעדלעכע שורות“... אָבער בהדרגה נעמט טשעכאָוו רעווידירן זיין שטעלונג. מיט פּאַסיע דיסקוטירט ער מיט סוואָרינען איבער אידעאָלאָגישע טעמעס. יענער האָט אים איינמאָל אונטערגערוקט אַ בוך פונעם פראַנצויזישן שרייבער בורזשע א. נ. „דער שילער“, וואָס אַנטהאַלט אַן אָנגריף אויף דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אָנשויונג. טשעכאָוו האָט אַן אויפגעבראַכטער רעאַגירט. ער האָט מודה געווען, אַז פונעם קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז דאָס בוך אים געפעלן געוואָרן, נאָר ער קאָן נישט מסכים זיין מיט זיין אידעיִשן אינהאַלט. „דאָס איז אַ חוצפּהדיקער אָנגריף אויף דער מאַטעריאַליסטישער ריכטונג, — האָט ער געשריבן צו סוואָרינען — אַזעלכע אָנגריפן, זייט מוחל, פאַרשטיי איך נישט... נישט צולאָזן די מענטשן צו דער מאַטעריאַליסטישער ריכטונג, איז פּונקט ווי נישט לאָזן זיי זוכן דעם אמת. מחוץ דער מאַטעריע איז נישט פאַראַן נישט קיין דערפאַרונג און נישט קיין וויסן, אַלזאָ אויך נישט קיין אמת“. די אינערלעכע צייטיקונג פונעם מחבר איז שנעל געגאַנגען פאָרויס און ער האָט שנעל פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיך פאַנאַנדערגיין מיט „נאָוואָיע ווערעמיאַ“. אין דער הינזיכט איז דעצידירנדיק געווען דער סאַכאַלינער פּעריאָד. דעמלט האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס עס שטעקט הינטער די סובטעלע, ליבע און אינטעליגענטע סוואָרינס. און ער האָט מיט זיי אַנטשלאָסן איבערגעריסן די באַציונגען.

מיר זעען בכן, אַז איינע פון די סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע פון טשעכאָווס איינגשאַפטן איז געווען דער שטענדיקער אומרו, דאָס שטענדיקע פאַרטראַכטן זיך, צי דאָס, וואָס ער טוט איז גוט, ריכטיק און נוצלעך. ער האָט געשריבן, אַז אַ שרייבער איז אַ „מענטש, וואָס איז פאַרקאָנטראַקטירט געוואָרן דורכן באַוווסטזיין פון זיין פליכט און געוויסן“. מיט זיין רייזע אויף סאַכאַלין האָט ער מער שטאָלצירט, ווי מיט זיינע ליטעראַרישע ווערק, וועמענס שאַרפסטער קריטיקער איז ער שטענדיק אַליין געווען און פון וועלכע ער איז קיינמאָל נישט געווען צופרידן. שוין אַ באַרימטער שרייבער, האָט ער אין איינעם פון זיינע בריוו געשריבן: „איך מוז זיך לערנען, לערנען פון אָנהייב“... די דאָזיקע זעלבסטקריטישע שטעלונג האָט ער איינגעהיט ביזן סוף פון זיין לעבן. ער האָט זיך זייער אויפריכטיק געקריגט מיט זיינע פריינד, וואָס האָבן אָנגערופן דעם „קאַרשן-גאָרטן“ אַ גענאַל ווערק.

אַ שרעקלעכע טראַגעדיע פון שרייבער איז געווען זיין קראַנקהייט. שוין אין 1884 יאָר האָט ער באַמערקט, אַז ער שפייט מיט בלוט. ווי אַ מעדיקער האָט ער גוט זיך אָריענטירט, וואָס עס דראָט אים. אָבער די קראַנקהייט האָט נישט דערשטיקט אין אים די ליידנשאַפט צום לעבן, צו אַרבעטן און שאַפן. ער האָט אינגאַנצן גרינגגעשעצט די קראַנקהייט און זיך אויפגעפירט אזוי, ווי זי וואָלט בכלל נישט עקזיסטירט. ער פלעגט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגן, און די פאַרזאָרגטע פראַגעס פון זיינע נאָענטע פלעגט ער אָפפטרן מיט וויצן. ערנסט היילן זיך האָט ער אָנגעהויבן ערשט אין 1897 יאָר, נאָך דעם, ווי ער האָט באַקומען בעתן מיטאָג אַ בלוט-שטורץ פון די לונגען. אָבער אויך דעמלט האָט ער נישט רעזיגנירט פון זיינע ליטעראַרישע און אַלע אַנדערע באַשעפטיקונגען.

זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט כאַראַקטעריזירט גלענצנדיק טשעכאָוון ווי אַ תמיד אַקטיוון אומדערמידלעכן אַרבעטס-מענטש. אַלס איינוווינער פון דעם דאָרף מיעליכאָוואָ איז ער געווען ראַטמאַן פון דער פאָוויאַטאָווער פאַרוואַלטונג, האָט זיך באַטייליקט אין אירע זיצונגען און באַזונדערס זיך אינטערעסירט מיט בילדונג- און געזונטהייט-פראַגן. פון זיינע אייגענע מיטלען האָט ער אויסגעבויט דריי דאָרפישע שולן, איז געווען שול-אינספעקטאָר. דעם שרייבערס ברודער מיכאַיל שרייבט וועגן אים אין די זכרונות:

„די דאָזיקע שולן זענען געווען זיינע קינדער. ווען ער פלעגט וועגן זיי רעדן, פלעגן זיך ביי אים די אויגן אָנצונדן, און עס איז געווען קאָנטיק, אַז אויב די מיטלען וואָלטן דערלויבט, וואָלט ער אויפגעבויט נישט דריי אַזעלכע שולן, נאָר אַ סך“...

אין 1892 יאָר, בעת דער כאָליערע-עפידעמיע, האָט טשעכאָוו איבערגענומען די השגחה איבערן גאַנצן מגפה-ראַיאָן און אָרגאַניזירט הילף פאַר קראַנקע

און פאַרהיטונג=מיטלען. ער האָט געמוזט גובר זיין טויזנטער שוועריקייטן ביי דער דאָזיקער אַרבעט און זי האָט אים זייער אויסגעשעפּט. נישט דיספּאָנירנדיק מיט קיין גענוגנדיקע מאַטעריעלע און סאַניטאַרע הילף=מיטלען, איז ער פּערזענלעך געפאָרן צו א ריי פאַבריק=אונטערנעמער און זיי צוגערעדט, זיי זאָלן העלפן אים צו באַקעמפן די עפּידעמיע. כאָטש די גבירים האָבן זיך באַצויגן צו אַלעם קאַלט, איז אים פאָרט געלונגען צו אָרגאַניזירן אַ מוסטערהאַפטע אַקציע קעגן דער קראַנקהייט. גאַנצע טעג פלעגט ער פאַרברענגען אויף אינספּעקציעס און אַהיימקומען אויסגעשעפּט, אָבער נישט באַקלאָגט זיך. אין וואָסערע באַדינגונגען ער האָט דעמלט געאַרבעט, וועט ער שפּעטער דערמאָנען אין „פּעטער וואַניאַ“ מיט אַסטראָווס ווערטער:

...„די דריטע וואָך נאָכן „גרויסן תענית“ בין איך געקומען אין דאָרף מאַליצקאָיע. אַן עפּידעמיע... פלעק=טיפוס... אין די כאַטעס וואַלגערן זיך מענטשן... שמוץ, געשטאַנק, רויך, קעלבלעך אויפן דיל צוזאַמען מיט קראַנקע און חזירימלעך אָן אַ שיעור... כ'האָב זיך אָנגעהאָרעוועט אַ גאַנצן טאָג, נישט גענומען אין מויל אַריין, אַהיימגעקומען, מען לאָזט מיך נישט אָפּסאַפּען. געבראַכט פון דער אייזנבאַן א דרוזשניק...“

טשעכאָוו האָט זיך גאַנץ גוט אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון, אַז די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין דאָרף אין די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם, ווי דאָס פאַרלייגן שולן, שפּיטאָלן, הייל=אַנשטאַלטן א.א.וו. קאָן נישט לעזן די עיקר=פּראָבלעמען. די דאָזיקע איבערצייגונג איז געקומען צום אויסדרוק אין דער דערציילונג „מיין לעבן“ און „דאָס הויז מיט אַ פאַציאַטקע“. פונדעסטוועגן האָט ער נישט רעזיגנירט פון אַזאַ טעטיקייט, וואָס האָט געקאָנט רעאַל העלפן די מענטשן. ביזן סוף לעבן האָט ער נישט אויפגעהערט צו טרוימען, אַז עס וועלן אַמאָל קומען צייטן, ווען אין אַלע דערפער וועלן זיין שיינע שפּיטעלער, שולן, געבילדעטע, קלוגע לערער, אַ קולטורעל לעבן. ער פלעגט מיט גרויס אָנערקענונג רעדן וועגן דער אַרבעט פונעם פאָלקס=לערער און אינטערעסירן זיך מיטן זיין גורל. גאָרקי האָט אים איינמאָל באַזוכט אין אַ דאָרף קוטשיק=קאָי אויף קרים, ווו טשעכאָוו האָט געוווינט, כדי צו ראַטעווען דאָס געזונט. ווייזנדיק גאָרקין אַ ניי אויסגעבויט הויז, האָט טשעכאָוו געזאָגט:

„ווען איך וואָלט האָבן אַ סך געלט, וואָלט איך דאָ אויסגעבויט אַ סאַנאַטאָריע פאַר קראַנקע דאָרף=לערער. איר ווייסט, איך וואָלט געבויט אַזאַ ליכטיקע געביידע, אַ זייער ליכטיקע, מיט גרויסע פענצטער און הויכע זאַלן. עס וואָלט געווען אַ הערלעכע ביבליאָטעק, פאַרשידענע מוזיק=אינסטרומענטן, אַ בינשטאָק, אַ גאָרטן, אַ סאָד. עס וואָלט געקאָנט זיין לעקציעס וועגן אַגראָנאָמיע און מעטעאָראָלאָגיע. אַ לערער דאַרף אַלץ וויסן, מיין ליבער, אַלץ...“

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און געקוקט אויף מיר פון דער זײַט, שמייכלענדיק מיט יענעם ליבן שמייכל, וואָס פלעגט שטענדיק אַזוי צוציען און וועקן א באַזונדערס גרויסן אינטערעס פאַר זײַנע ווערטער.

„עס לאַנגווײַליקן אײַך מײַנע פאַנטאַזיעס? און איך האָב ליב צו רעדן וועגן דעם. ווען איר וואָלט וויסן, ווי נייטיק עס איז דעם רוסישן דאָרף אַ גוטער, קלוגער, געבילדעטער לערער!... א לערער דאַרף זײַן ווי א קינסטלער, וואָס האָט זײַער ליב זײַן אַרבעט, און בײַ אונדז איז עס אַ שוואַרצאַרבעטער, אַ ווייניק געבילדעטער, וואָס נעמט זיך פאַר לערנען קינדער מיט אַזאַ חשק, ווי איך אַ שטייגער וואָלט געגאַנגען אויף פאַרשיקונג. ער איז הונגעריק, דערשלאָגן, צעשראָקן פון דער מעגלעכקייט צו פאַרלירן דעם ביסן ברויט, און געדאַרפט וואָלט ער זײַן דער ערשטער מענטש אין דאָרף...“

טשעכאָוו האָט קיינמאָל נישט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט, כדי צו העלפן פאָלקס-לערער, אויב נאָר דאָס איז געווען מעגלעך. ער פלעגט אַרויסווײַזן אַ כּח הארץ פאַר די לערער. איבעריקנס נישט נאָר זיי. ער איז געווען אַ גרויסער פרײַנד פון אַלע יונגע טאַלאַנטירטע מענטשן: שריפטשטעלער, אַרטיסטן, מאָלער. ער פלעגט זיי העלפן מיט ראַט און טאַט. ער פלעגט אַרום זיך גרופּירן יונגע שרײַבער, וואָס מיט זײַער שאַפן פלעגט ער זיך שטאַרק אינטערעסירן, געבן עצות און אָנווײַזונגען מיט אומדערמידלעכער געדולד. די שרײַבערין אַווילאָוואַ דערציילט, ווי דער שווער קראַנקער טשעכאָוו, ליגנדיק נאָך אַ בלוט-שטורץ אין דער קליניק, האָט געפאָדערט, זי זאָל אים ברענגען דורכצוקוקן אירע נײַע ווערק. ער פלעגט זיך שטענדיק באַציען צו מענטשן דעליקאַט און מיט פאַרשטענדעניש, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אפילו פאַר קרבנות, כדי אַנדערע צו העלפן, איבערהויפּט באַוווּסטע, לײַדנדיקע און שוואַכע.

אַ שטרענגער לגבי זיך אַליין, פלעגט ער אַרויסווײַזן אַ זייער גרויסע מילדקייט לגבי חסרונות און שוואַכקייטן פון אַנדערע. אָבער גלײַכצײַטיק האָט ער פײַנט געהאַט כלערליי צביעות און אומנאַטירלעכקייט. אַליין אַ פשוטער און אויפריכטיקער, האָט ער פונווײַטנס שוין אַרויסגעפילט יעטוועדע קינסטלעכע באַנעמונג און דאָס פוצן זיך אין פרעמדע פעדערן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין פוסטע רייד און ביכער-פראַזן. ער האָט ווי אַרויסגעפילט אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט צו צווינגען די מענטשן, זיי זאָלן זײַן נאַטירלעך, זיי זאָלן צעפליקן די קינסטלעכע מלבושים, אין וועלכע זיי האָבן זיך געקליידט. ער האָט געוואָלט אַראָפּשלעפּן זיי פון די הויכע טריבונעס, אויף וועלכע זיי פילן זיך אומזיכער, אויף דער האַרטער און פעסטער ערד.

„יעדער מענטש דאַרף רעדן מיט זײַן אייגענער שפּראַך“, — פלעגט ער זאָגן.

איינמאָל — דערציילט גאָרקי — האָבן דעם שרײַבער באַזוכט דרײַ זייער עלעגאַנטע דאַמעס, וואָס האָבן די שטוב אויסגעפילט מיט פאַרפום און מיטן

שאָרך פון זייערע זיידענע קליידער. זיי האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז עס אינטערעסירט זיי פּאָליטיק און גענומען רעדן וועגן מלחמה, וועגן די גריכן, טערקן און אַנדערע „הויכע" זאַכן. אַנטאָן פּאַוולאָוויטש האָט אַזוי אויסגעקערעוועט דעם שמועס, אַז ער האָט זיי ווי פאַרבייגייענדיק אַ זאָג געטאָן:

— כ'האָב ליב מאַרמעלאַדע... און איר?

— זייער! — האָט אויסגערופן די דאַמע.

— זי שמעקט זייער, — האָט סאָליהאַר באַשטעטיקט די צווייטע.

און אַלע דריי האָבן גענומען צוזאַמען רעדן, אַרויסווייזנדיק גרויס באַהאַוונטקייט בעת דעם דאָזיקן מאַרמעלאַדע־שמועס, בעת די פּאָליטישע „פּראָבלעמען" זענען געווען מער נישט ווי פּאָזע.

אַן אַנדער מאָל איז צום שרייבער געקומען אַ יונגער פּראָקוראָר, וואָס האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז אַ הייסער פּאַרטיידיקער פון די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמועס וועגן טשעכאָווס דערציילונג א. ג. „דער פאַרברעכער" (1885). דאָס איז אַ גלענצנדיקע הומאָרעסקע, וואָס שילדערט אַ פאַרהער פונעם האַלבווילדן פויער דעניס, וועמען דער ריכטער וואַרפט פאָר, אַז ער האָט אַרויסגעדרייט פון די באַן־שינעס אַ שרייפל און דערמיט געקאָנט דערפירן צו אַ באַן־קאַטאַסטראָפע. בעתן געריכט־פאַרהער שרייט דער פּראָקוראָר אויפן פויער, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, יענער פאַרטיידיקט זיך, אַז דער שרויף איז אים געווען נייטיק צו אַ ווענדקע, צו פיש־פאַנג. „וואָס איז עס פאַרא פאַרברעכן, — חידושט זיך דער פויער, — אויב אָן אַזאַ האַטשיק וועט זיך דער פיש נישט לאָזן כאַפּן?" ביידע צדדים פאַרשטייען זיך אינגאַנצן נישט. אָבער דער נאַיווער פויער וועט אַוועק אויף קאַטאָרגע.

דער גאַסט פרעגט טשעכאָוון, וויאַזוי דאַרף ער זיך באַציען צו דעניסן? באַפרייען אים פון שטראָף, ווייל ער איז אומבאַוווסטזיניק, צי באַשטראָפן דעניסן און „פאַרטיידיקן" דעם „אינטערעס" פון דער געזעלשאַפט, איר „גאַראַנטירן", אַז אַזאַ דעניס וועט נישט זיין „שעדלעך"...

טשעכאָוו ווײַלט זיך און דער גאַסט היצט זיך, אַז דעניס איז טאַקע אַ „ווילדער", אָבער פאָרט אַ „פאַרברעכער" און דאַרף באַשטראָפט ווערן. פּלוצעם טוט טשעכאָוו אַ פרעג דעם פּראָקוראָר:

— אייך געפעלט אַ גראַמאָפאָן?

—אָ, יאָ, זייער! אַ פּרעכטיקער איינפאַל! — האָט לעבעדיק געענטפערט דער יונגערמאַן.

— און איך ליד נישט קיין גראַמאָפאָנען! — האָט מיט אַ טרויעריקער מינע דערקלערט אַנטאָן פּאַוולאָוויטש.

— פאַרוואָס?

— ווייל ער רעדט און זינגט גאָרנישט פילנדיק. און אַלץ קומט ביי אים אַרויס קאַריקאַטורעל, טויט... און פאָטאָגראַפיע אינטערעסירט אייך?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פּראָקוראָר איז אַ הייסער ליבהאָבער פון פאָטאָגראַפיע: באַלד האָט ער גענומען מיט ענטוזיאַזם רעדן וועגן פאָטאָגראַפיע, שוין פאַרגעסנדיק וועגן אַלעם — סיי וועגן דער „גערעכטיקייט“, סיי וועגן גראַמאָפאָן...

אַזוי קלוג און דעליקאַט האָט טשעכאָוו געקעמפט קעגן יעטווידער אומנאַטירלעכקייט און פּאָזע אין לעבן.

אָבער עס זענען געווען זאַכן, וועגן וועלכע טשעכאָוו האָט נישט גערעדט מיט אַזאַ גוטמוטיקער איראָניע, נאָר מיט כעס און פאַרדרוס. ער האָט געהאַסט גראָבקייט, כאַמסטווע, דעספּאָטיזם, מענטשלעכע נידערטרעכטיקייט. בעת ער פלעגט וועגן דעם רעדן, האָט זיך אין זיינע אויגן באַוויזן אַ שאַרפער, שטאָלענער בליאַסק, די שטים איז געוואָרן שאַרף און אַנטשלאָסן. ער האָט דעמאָלט געפונען אין זיך אַן אַנטשלאָסענעם ווילן צו פאַרמעסטן זיך מיטן ערגסטן שונא.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז טשעכאָווס האַלטונג בעתן דרייפוס־פּראָצעס.

אַלפרעד דרייפוס, אַ פראַנצויזישער גענעראַל־שטאַב־אָפיציר פון ייִדישן אָפּשטאַם, איז רכילותדיק באַשולדיקט געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער רעאַקציע אין שפּיאָנאַזש. און הגם עס זענען נישט געווען קיין שום שולד־באַווייזן, האָט אים דאָס רעאַקציאָנער־אַנטיסעמיטישע געריכט פאַרמשפּט אויף תפיסה. דער גאַנצער ענין איז געווען אַ געמיינע פּאָליטישע אַפערע. די בעסטע מענטשן פון פראַנקרייך מיט עמיל זאָלאַ בראש זענען אַרויסגעטראָטן אין שוץ פון דרייפוסן. דעמאָלט האָט די רעאַקציע אויפגעהויבן אַ שרעקלעכע העצע קעגן דרייפוסעס באַשיצער. זאָלאַ איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער האָט באַליידיקט דאָס געריכט און איז צוגעצויגן געוואָרן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זאָלאַס פּראָצעס האָט פולשטענדיק קאָמפּראָמיטירט די באַשולדיקער. די עפנטלעכע מיינונג האָט אויסגעקעמפט אַ רעוויזיע פונעם דרייפוס־פּראָצעס, און כדי דעם גאַנצן ענין צו פאַרטושן, האָט מען אים פאַרקלענערט די שטראָף און דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק האָט „באַגנעדיקט“ דעם „פאַרברעכער“.

די דרייפוס־אַפערע האָט אַ לאַנגע צייט אויפגערודערט די עפנטלעכע מיינונג פון פראַנקרייך און גאַנץ אייראָפּע און איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ ווילדער פּאָגראָם־העצע פון די רעאַקציאָנערן פון אַלע לענדער. טשעכאָוו איז צו יענער צייט געווען אין פראַנקרייך און האָט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָרשט די געשעענישן, אַרויסטרעטנדיק מיטן גאַנצן האַרץ אויף דער זייט פון זאָלאַ. מיט עמפּערונג האָט ער געשטעמפּלט די שטעלונג פון דער רוסישער רעאַקציע. „נאָוואָיע וורעמיאַ“ האָט לויטן שטייגער פון אירע רעאַקציאָנערע פראַנצויזישע פריינד אויפגעהויבן אַ העצע קעגן עמיל זאָלאַ, באַשולדיקט אים און אַלע פאַרטיידיקער פון דרייפוסן, אַז זיי

זיינען „אונטערגעקויפט געוואָרן דורך די יידן...“ טשעכאָוו האָט רעאַגירט אויף דעם, איבעררייסנדיק אַפילו די פּערזענלעכע באַציִונגען מיט סוואָרינען (פאַר דער צייטונג האָט ער שוין לאַנג נישט געשריבן). ער האָט געשריבן צו סוואָרינען, אַז די דרייפוס-אַפערע איז געוואָרן צוגעגרייט „אויפן אַנטיסעמיטישן באָדן, פון וועלכן עס אָטעמט מיט שעכט-הויז“, און אַז ער שטעלט זיך איינגאַנצן אויף דער זייט פון עמיל זאָלאַ. אין אַ בריוו צו זיין ברודער אַלעקסאַנדער האָט ער געשריבן:

„נאָוואָיע וורעמיאַ“ מאַכט אַן אָפּשטויסנדיקן איינדרוק. די טעלעגראַמעס פון פּאַריז איז נישט מעגלעך צו לייענען אָן עקל; דאָס זיינען נישט קיין טעלע-גראַמעס, נאָר אַ שווינדל און אַ פאַלשקייט פון ערשטן סאָרט... דאָס איז דאָך נישט קיין צייטונג, נאָר אַ זאָאָלאָגישער גאָרטן, אַ סטאַיע הונגעריקע שאַקאַלן, וואָס רייסן זיך אָפּ די ווידלען, בכלל — דער טייוול ווייסט זיי, וואָס דאָס איז“.

בכלל איז טשעכאָווס פיינטלעכע באַציִונג צום אַנטיסעמיטיזם געווען ענג פאַרבונדן מיט זיין אויפריכטיקן דעמאָקראַטיזם און טיפן הומאַניזם. אַזוי אַפּנים האָבן עס בשעתו אָפּגעשאַצט אויך די יידישע ליטעראַרישע קרייזן. אין זייער נאָמען האָט זיך שלום-עליכם געווענדעט צו טשעכאָוון מיט אַ ביטע צו דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אויף יידיש אַ זאַמלונג מיט איבערזעצונגען פון טשע-כאָווס דערציילונגען און די הכנסה פון דעם בוך פאַרווענדן אויף הילף פאַר די געליטענע בעתן קישינעווער פּאָגראָם. טשעכאָוו האָט תיכף געענטפערט אויף דער דאָזיקער ווענדונג מיט א בריוו צו שלום-עליכמען, אין וועלכן מיר לייענען: *

צו ג. ס. ראַבינאָוויטשן (שלום-עליכם).

דעם 19-טן יוני 1903.

זייער געערטער הער!

איך שרייב איצינד בכלל נישט, אָדער איך שרייב זייער ווינציק, אַזוי, אַז איך קאָן אייך געבן מיין צוזאָג בלויז מיט א תנאי: כ׳וועל אָנשרייבן א דערציילונג מיט פאַרגעניגן, אויב עס וועט דערין נישט שטערן די קראַנקהייט (מיינע). וואָס שייך מיינע שוין אָפּגעדרוקטע דערציילונגען, קאָנט איר מיט זיי פולשטענדיק דיספּאָנירן, און דאָס איבערזעצן זיי אויף דער יידישער שפּראַך און אָפּדרוקן אין א זאמלונג לטובת די יידן, וואָס האָבן געליטן אין קישיעניעוו, וועט מער נישט ווי פאַרשאַפן מיר אַ הארציקע צופרידנקייט. מיט אויפריכטיקער אַכטונג און איבערגעגעבנקייט,

א. טשעכאָוו.

---

* דער רוסישער טעקסט פונעם בריוו איז אָפּגעדרוקט אין 12-טן באַנד פון טשע-כאָווס געזאמלטע שריפטן (סאָבראַניע סאָטשיניעני) — פאַרלאַג „פּראַוודאַ“, מאָסקווע, 1950, 443-טע פּאָזיציע אויף זייט 390.

זיין פּאָליטישע שטאַנדהאַפטיקייט האָט טשעכאָוו אַרויסגעוויזן בײַ פּאַרשײַדענע געלעגנהייטן.

אין יאָר 1899 איז טשעכאָוו אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ערן־מיטגליד פון דער ליטעראַטור־אָפּטיילונג פון דער רוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע צוזאַמען מיט טאָלסטאָיען און קאָראָלענקאָ. אָבער אין 1902 יאָר האָט ער צוזאַמען מיט קאָראָלענקאָ זיך אָפּגעזאָגט פון דער דאָזיקער אַזוי השובֿדיקער אָנגעהעריקייט צו דער אַקאַדעמיע. דאָס איז געשען צוליבן באַשלוס פון דער אַקאַדעמיע — אויפן פאַרלאַנג פון דער צאַרישער רעגירונג — צוריקצוציען איר אייגענעם באַשלוס וועגן באַשטימען מאַקסים גאָרקי אַלס אַקאַדעמיע־מיטגליד. טשעכאָוו איז געווען אויפגעבראַכט צוליב אָט דער קנעכטישער האַלטונג פון די אַקאַדעמיקער.

דער שרײַבער יעלפּאַטיעווסקי שרײַבט אַזוי וועגן טשעכאָוון פון די ניינציקער יאָרן:

„...עס איז געקומען א צײַט, ווען דער אַמאָליקער טשעכאָוו האָט שוין נישט עקזיסטירט... דאָס איז פאַר מיר געשען אינגאַנצן אומדערוואַרט. די וואַקסנדיקע ברויזנדיקע כוואַליע פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט מיטגעריסן און מיטגענומען מיט זיך טשעכאָוון. ער, וואָס פלעגט זיך אָפּקערן פון פּאָליטיק, האָט זיך איצט אינגאַנצן אײַנגעטונקען אין פּאָליטיק און גענומען איצטער לייענען אין די צײַטונגען נישט דאָס און נישט אַזוי, ווי ער פלעגט לייענען אַמאָל. דער פּעסימיסטישער און אויף יעדן פאַל דער סקעפּטיש געשטימטער טשעכאָוו איז געוואָרן א גלייביקער. ער האָט גענומען גלייבן נישט דעריין, אַז אין צוויי הונדערט יאָר אַרום וועט דאָס לעבן זײַן שיין, ווי עס פלעגן זאָגן די העלדן פון זײַנע ווערק, נאָר אַז דאָס דאָזיקע שיינע לעבן האָט זיך זייער דערנעענטערט אין רוסלאַנד, אַז אָט באַלד וועט זיך גאַנץ רוסלאַנד פאַרוואַנדלען אין א ניי, ליכטיק, פרייהפולער לאַנד... ער איז אינגאַנצן געוואָרן אַן אַנדערער. געוואָרן אויפגעהייטערט, אויפגערודערט, עס האָבן זיך בײַ אים געלאָזן מערקן עפּעס נייע זשעסטן, אין זײַן שטימע האָבן זיך געהערט נייע טענער. און בעת איך, נישט זייענדיק באַזונדערס אַנגעציקט פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, פלעג טיילמאָל אויסדריקן א געוויסן סקעפּטיציזם, פלעגט ער זיך אויפרעגן און מיך אָנגרייפן מיט שאַרפע, בלתי ספק נישט טשעכאָווישע רעפּליקעס:

„ווי קאָנט איר אַזוי רעדן, — האָט ער זיך געבייזערט, — צי זעט איר נישט, אַז אַלץ האָט זיך א ריר געטאָן פון אויבן ביז אַראָפּ. די געזעלשאַפט און די אַרבעטער!...“

טשעכאָווס עוואָלוציע איז נישט באַשערט געווען אויסצוצײַטיקן זיך ביזן סוף. דער אומרחמנותדיקער טויט האָט זי איבערגעריסן. במשך פון מער ווי א צענדליק יאָר איז דאָס בייזע געשפּענסט פון טויט געשטאַנען הינטער זײַנע

פּלייצעס, און ער האָט גוט געוווסט וועגן דעם. ער האָט געפילט, אַז זיינע פיזישע כוחות פאַרלאָזן אים, האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַרלוירן דעם הומאָר און פון זיינע לעצטע ווערק וואָלט קיינער נישט דערקענט, אַז עס האָבן זיי געשריבן אַ האַלבטויטער, אַ מענטש פון אַ גוסס, פונקט אַזוי איז ער געווען אין פּריוואַטן לעבן.

טשעכאָווס נאָענטער פריינד, דער קינסטלער סטאַניסלאַווסקי, האָט, פּאָלע־מיזירנדיק מיט דער שטעלונג, אַז טשעכאָוו איז געווען אַ דיכטער פון ספקות און פּעסימיזם, געגעבן פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון שרייבער:

„איך זע אים אָפטער אַ גוטן און צעשמייכלטן איידער אַן אומעטיקן, אַפילו אין די שווערע פּעריאָדן פון דער קראַנקהייט. דאָרט, וווּ עס איז געווען דער קראַנקער טשעכאָוו, האָט געהערשט אַ וויץ, אַנעקדאָט, געלעכטער און אַפילו שטיפעריי. ווער האָט בעסער פון אים געקאָנט רעדן וועגן נאַרישקייטן מיט אַן ערנסטער מינע? ווער האָט מער פון אים געהאַסט די פּיצטעריש, גראָבקייט, רבילות, די מיעשטשאַנעס און דאָס אייביקע פאָרען זיך אַרום דעם טיי? ווער האָט מער פון אים געגאַרט צו לעבן, צו קולטור. יעטוועדער נייער נוצלעכער אויפטו: צי אַ נײַ־געגרינדעטע וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפט, צי אַ פּראָיעקט פון אַ נייעם טעאַטער, ביבליאָטעק, מוזיי — אַלץ איז פאַר אים געווען אַן אמתע איבערלעבעניש. אַפילו אַ פּראָסטע, פּשוטע לעבנס־פאַסירונג האָט אים באַלעבט...

אַזוי עקשנותדיק פלעגט ער אין אַלעם זוכן אַ קערן פון דער קומענדיקער רוסי־שער און אַלמענטשלעכער קולטור, סיי גייסטיקער, סיי מאַטעריעלער. ווען אַ גע־זונטער מענטש פילט זיך גוט און פריילעך, איז עס נאַטירלעך און נאָר־מאַל. אָבער ווען אַ קראַנקער, וואָס איז צוגעגרייט צום טויט (טשעכאָוו איז דאָך געווען אַ דאָקטאָר מעדיצין), צוגעקאָוועט צום פאַרהאַסטן אָרט, ווייט פון די נאָענטע און פריינד, נישט זעענדיק פאַר זיך קיין שום האָפענונג, איז פונדעסטוועגן ביכולת צו לאַכן און לעבן מיט אַ ליכטיקער האָפענונג, מיט אַ גלויבן אין דער צוקונפט, זאַמלענדיק דערביי זאָרגפול אַלע קולטור־רייכטימער פאַר די קומענדיקע דורות — האָט איז אַזאַ לעבנס־פרייד און אַזאַ וויטאַליטעט צו באַצייכענען ווי אַן אויסערגעוויינלעכן אויסנאַם".

בלויז זעלטן פלעגט די קראַנקהייט אַרויסרופן ביי טשעכאָוון אַן אומעטיקע שטימונג. איינמאָל האָט ער אין אַזאַ מאָמענט אַ זאָג געטאָן: „לעבן, כדי צו שטאַרבן, איז בכלל קאָמיש, אָבער לעבן, וויסנדיק, אַז מ'דאַרף פריצייטיק שטאַרבן — דאָס איז שוין אינגאַנצן נאַריש..."

אַ גרויסע טרייסט איז פאַר אים געווען די ליבע פון זיין ווייב. טשעכאָוו איז געווען זייער גליקלעך אין זיין צוזאַמענלעבן זינט 1901 מיט אָלגאַ קניפּער, דער באַקאַנטער אַרטיסטין פונעם קינסטלערישן טעאַטער. זי האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלעס אין טשעכאָווס דראַמאַטישע ווערק.

פרילינג 1904 האָט זיך דער געזונט־צושטאַנד פונעם קראַנקן באַדייטנדיק פאַרערגערט. חוץ לונגען־סוכאָטע האָבן זיך באַוויזן סימנים פון גערערים־טובער־קולאָז. א דאָקטוירים־קאָנסיליום האָט געראָטן ארויסצופאָרן אין דייטשישן קור־אָרט באַדענווײַלער. „איך פאָר שטאַרבן“, — האָט טשעכאָוו געזאָגט צו איינעם פון זיינע פריינד. דעם לעצטן אָוונט פאַרן טויט, כדי צו טרייסטן זיין פאַר־צווייפלטע פרוי, האָט נאָך טשעכאָוו געשאַפן א הומאָרעסקע און מיט היץ און ברען זי גענומען דערציילן. ביז דער לעצטער מינוט איז ער געווען ביים קלאָרן באַוווסטזיין. פילנדיק דאָס אָנקומען פונעם טויט, האָט ער געהייסן רופן א דאָק־טער, אויסגעטרונקען א גלאָז שאַמפאַניער און רואיק געזאָגט צום דאָקטער אויף דייטש: „איך שטערבע“. דערנאָך האָט ער דאָס לעצטע מאָל געטון א שמייכל צו זיין פרוי. הינטער די פענצטער האָט גענומען אויפשטיין א זומער־טאָג. דער טאָג פון 15־טן יולי 1904 יאָר.

אַנטאָן טשעכאָוו און מאַקסים גאָרקי אין יאַלטע (קרים)
אין יאָר 1900.

די גרויסע פריינדשאַפט

ארומרעדנדיק טשעכאָוו שאַפונג און לעבנס־וועג האָבן מיר אָפט ציטירט גאָרקין. נישט אָן א גרונט. ביידע גרויסע שרייבער האָט פאַראייניקט א האַרציקע פריינדשאַפט. קיינער האָט אונדז נישט געגעבן אזא שפע מאַטעריאַל וועגן טשעכאָוון ווי גאָרקי. זיינע ארטיקלען, בריוו, גאָטיצן און זכרונות, וואָס זענען דורכגענומען מיט א הייסן פריינדשאַפט־געפיל, גיבן אונדז א פול בילד פון טשעכאָוון דעם שרייבער און מענטש. שוין אין זיין ערשטן בריוו צו טשעכאָוון פון סוף 1898 האָט דער יונגער גאָרקי, דעמלט נאָך אן אָנפאַנגער צווישן די שרייבער, געשריבן:

„דעם אמת געזאָגט, וואָלט איך אייך וועלן דערקלערן מיין האַרציקע, הייסע ליבע, וואָס איך פיל צו אייך פון לאַנג, כ׳וואָלט וועלן אויסדריקן מיין אַנטציקונג מיט אייער דערשטוינלעכן טאַלאַנט, וואָס איז פאַרכאַפנדיק און רירנדיק, טראַגיש און צערטלעך, און שטענדיק אזוי שיין און סובטעל“.

טשעכאָוו האָט פריינדלעך געענטפערט, געגעבן אן אָפּשאַצונג פון גאָרקיס דערציילונגען און אונטערגעשטראָכן, אז ער האַלט גאָרקין פאַר א גרויסן טאַלאַנט. פון דעם דאָזיקן בריוו־אויסטויש האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסע פריינדשאַפט, וואָס האָט אָן איבעררייס געדויערט ביז טשעכאָווס טויט.

גאָרקי איז געווען פאַרבונדן מיט א סך שרייבער פון דעם דאָזיקן פעריאָד. ער האָט געקאָנט און זייער געשעצט קאָראָלענקאָן. פון 1900 יאָר האָט גאָרקי אונטערגעהאַלטן נאָענטע באַציונגען מיט טאָלסטאָיען, וועלכן ער האָט הויך געשעצט ווי א שרייבער, הגם ער האָט נישט געקאָנט מסכים זיין מיט זיינע פילאָזאָפישע אָנשויונגען. אָבער סיי אין ערשטן און סיי אין צווייטן פאַל האָבן זיך די דאָזיקע באַציונגען נישט פאַרוואַנדלט אין אן אינטימע פריינדשאַפט.

פריער פאַר אַלץ האָט גאָרקין דערנענטערט צו טשעכאָוון דער קאַמף פונעם מחבר פון „די פויערים“ קעגן דער נאַראָדניקישער אידעאַליזירונג פון די פאַטריאַרכאַלע דאָרף־איבערבלייבעכצן. טשעכאָווס באַציונג צו דער דאָרפישער ווירקלעכקייט איז געווען גאָרקין זייער נאָענט, הגם אין דער קריטיק פון דער עקזיס־

מירנדיקער אָרדענונג זעגען ביידע שרייבער ארויסגעגאַנגען פון פארשידענע פּאָזיציעס. אויב אין משעכאָווס ווערק איז געווען קאָנטיק א האָפנונגסלאָזע פינצטערניש פונעם דאָרפישן לעבן, דערזעט שוין דער יונגער גאָרקי אינעם פויערטום א מעכטיקע, הגם דערווייל נאָך אלץ דרימלענדיקע קראפט, וואָס וועט אָפּשפּילן א וויכטיקע היסטאָרישע ראָל אין דער צוקונפט. נישט אין א קלענערער מאָס האָט גאָרקין געאייניקט מיט משעכאָוון זיין קריטיק פון בירגערטום.

גאָרקי האָט פארשטאַנען, וואָס פארא מעכטיקע סאטירישע לאָדונג, וויפל עקל צום מיעשטשאַנסקע וועלטל עס פארמאָגן משעכאָווס „הומאָריסטישע“ דערציילונגען. ער האָט געשריבן צו משעכאָוון: „א גרויסע זאך שאַפט איר מיט די דאָזיקע אייערע קליינע מעשהלעך, וועקנדיק ביי מענטשן א ווידערווילן צו אזא שלעפּעריקן און האַלבטויטן לעבן, כאַפּט עס דער טייוול“!

משעכאָוו האָט געזען דעם היסטאָרישן פארדינסט פון גאָרקין דערין, וואָס ער האָט „דער ערשטער אין רוסלאנד און בכלל אויף דער גאנצער וועלט אָנגעהויבן רעדן מיט פאראַכטונג און עקל וועגן מיעשטשאַנסטווע און גענומען רעדן הווקא דעמלט, ווען די געזעלשאַפט איז געווען צוגעגרייט צו אזא פּראָטעסט“. פון זיין זייט איז משעכאָוו געווען פאר גאָרקין א מוסטער פון קינסטלערישער עכטקייט און שלימות, אויף וועמענס ווערק גאָרקי האָט בעסער דערזען זיין אייגענע היסטאָרישע אויפגאַבע אין דער רוסישער ליטעראטור.

קיינער פון די רוסישע שרייבער — חוץ סאַלטיקאָוו־שטשעדרין — האָט נישט באַוויזן אזוי בולט צו שילדערן די באַלעבאַטישע באַגרענעצטקייט פון דער דעמלטיקער אינטעליגענץ, צו ווייזן, אז הינטער אירע הויכע פראַזן און בריימע זשעסטן באַהאַלט זיך אוים און אינערלעכע פוסטקייט. דעריבער איז ער גאָרקין געווען זייער נאָענט. לסוף האָט דעם יונגן רעוואָלוציאָנערן שרייבער אומגעהויער באַווירקט דער טיפער זין פון משעכאָווס ווערק — דער טרוים פון א בעסער, שענער לעבן.

* * *

משעכאָוו — דער פארטיידיקער פון פשוטן מענטש, וואָס האָט שטענדיק באַשיצט דאָס רעכט פונעם פּראָסטן מענטש צו גליק, וואָס האָט באַזונגען די שיינקייט פון א ווירדיק און מענטשלעך לעבן; משעכאָוו — דער שונא פון באַרבאַריי און דעספּאָטיזם, דער לעצטער גרויסער פאָרשטייער פון קריטישן רעאַליזם אין דער רוסישער קלאַסיק, דער גרויסער שרייבער פון מענטשלעכער שיינקייט — איז באַזונדערס נאָענט און טייער אונדזער דור.